שמואל שלמה טעללער

# תולדות עם ישראל



די רייכע געשיכטע
פונעם **תנא אלקי**
**רבי שמעון בן יוחאי**

תולדות עם ישראל

שמואל שלמה טעללער

תולדות עם ישראל

Cover design by: pinex team

# תולדות עם ישראל

## די רייכע געשיכטע פון כלל ישראל



תולדות התנא האלקי
רבי שמעון בר יוחאי

שמואל שלמה טעללער

כל הזכויות שמורות להמחבר
**שמואל שלמה טעללער**
קרית יואל יע"א
845-783-0735

צו באקומען ביי:
KHC DISTRIBUTION
**הפצת כי הם חיינו**
Phone: 845-751-9389
E-Mail: info@khcdist.com

הוצאת כי הם חיינו

עריכה • עימוד • הדפסה
קונטרס
המרכז לכל עניני כתיבה והוצאת ספרים
TEL 845.210.6668
EMAIL sales@kintress.com

בעזהשי"ת

# תרעא זעירא

תלי"ת על כל הטוב והחסד שגמלנו להו"ל שוב הקונטרס מ**התנא האלקי רבן שמעון בן יוחאי זי"ע**, ענינים שונים מדברי חכז"ל בש"ס ומדרשים מסודרים דבר דיבור על אופניו, שכבר י"ל כמ"פ ונתקבל באהבה תוך אמוני עם סגולה.

הקונטרס הלז מעט הכמות ורב האיכות הוא חלק מתוך ספרי 'תולדות עם ישראל', מיוחד לתולדותיו של מאור גליל העליון **אדונינו בר יוחאי** זיע"א, מלוקט מתוך דברי חכמינו ז"ל, שיהיה תועלת לציבור הצמאים ומבקשים דבר ה'. בין דפי הקו' הלז תמצאו גם פרק נכבד מקורות תקופת התנאים מתלמידי רבי עקיבא, בתקופת בית שני.

אברך את ה' אשר יעצני, ורבו עלי חברי ה"ה **הרה"ח בנש"ק רבי נתן קרפיל מרגליות שליט"א בעל** 'דורן', **ולידו הרה"ח ר' אברהם אהרן מארמארשטיין שליט"א יו"ר מערכת** 'קונטרס', שנטלו על עצמם גודל המערכה לסדר את מאות המאמרים ממה שזכיתי לרשום מתקופה זו להגיהם ולסדרם כראוי שיהיה דבר השלם, ולהוציאם לאור לזכות את הרבים. בעבר זכו להו"ל ספר 'תולדות עם ישראל' חלק א' שזכתה להתקבל מתוך חיבה יתירה בין היהדות החרדית, ועוד ידם נטוי' בע"ה להמשיך בעבוה"ק גם להלאה, ותפילתי אל ה' שיזכו לראות ברכה במעשי ידיהם גם בעתיד.

אבל מחובתי להעיר שקונטרס הלז עדיין לא עברה תחת שבט ההגה והביקורת כראוי, ויש אתי עמי כמה הערות והגהות שנתקבלו במשך השנים מציבור הקוראים, וכרגע עדיין לא נתקנו בשלימות, מ"מ - לתועלת הרבים וביניהם הרבה אשר השתוקקו להיות על הציון הק' במירון, ומחמת המצב יתקשרו מריחוק מקום וקירוב הלבבות - הסכמתי למסור התוכן לידי המוציאים לאור לערכם באופן של 'קונטרס', לזכות הרבים.

ובכן אבקש מכל המעיינים בזה נא להודיעני ולעוררני על השגיאות, בכדי שאוכל לתקנו ולהוציאו לאורה דבר יפה בעט"ו, לשביעת רצון כל .

תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו.

בברכת יישר כח, בהוקרה



**שמואל שלמה טעללער**
**קרית יואל יצ"ו**

# הסכמת גדולי פוסקי ומאורי דורינו משיירי כנה"ג שליט"א


*Rabbi E. Schlesinger*
45 St. Kildas Road
London N16 5BS
Tel: 020 8802 6386
Fax: 020 8800 0279

**אליקים שלעזינגער**
ר"מ ישיבה הרמה
ק"ק לונדון יע"א


בס"ד

דבר חשוב ותועלת רב הוא שכל אחד יש לו ידיעה יסודית של השתלשלות תולדות העולם וכלל ישראל בפרט לפי מסורת התורה. אמנם רוב התולדות נמצאים בתורה נביאים וכתובים למי שלומד אותם בעיון אבל בדורנו לא עוסקים בזה אפילו לומדי תורה ואפשר נמשך מזה ח"ו חולשה באמונה מחמת שהמשכילים והאפיקורסים מסלפים תולדת ימי עולם לפי השקפתם המקולקלת.

כבר עמד בזה גאון אחד לפני מאה שנה, הגאון הגדול רבי יצחק הלוי זצ"ל מוילנא [שלמד יחד עם הגאון רבנו חיים עוזר זצ"ל] והוא הרביץ תורה בק"ק המבורג והי' והי' לוחם מלחמת ד' נגד המשכילים והציונים בכלל וגם חיבר אז ספרו הגדול "דורות הראשונים" כמה כרכים להפריך כזביהם ושקריהם והוכיח דברי אמת מש"ס ופוסקים, ובשעתו זה עשה רושם גדול בעולם בהכיחו כי ד' אמת ותורתו אמת.

אולם בדורותינו שלא עוסקים בזה כלל מן הצורך שמי שמסוגל בזה יכתוב ספרים קלי הבנה בשביל שלומי אמוני ישאל לחזק האמונה במסורת התורה בתולדות העולם ובפרט תולדות כלל ישראל ועי"ז יתחזק האמונה במסורת אבותינו שבזה וממילא לא ימשכו אחרי השכלת הגוים בזה, וביותר היא טובה רבה עבור לומדי תורה להבנת הרבה מאמרי חז"ל בגמרא בהלכה והגדה והבנת פסוקי נביאים וכתובים, וחיזוק אמונה בכלל.

ומה טוב ונעים מה ששמעתי דהנה ידידי הרה"ג ר' שמואל שלמה טעלער שליט"א שהוא ספרא רבא ויש לו ידיעה רבה בתולדות ישראל, והשקפתו תקיפה בכל עניני היהדות ע"פ מסורת אבותינו, החליט לזכות את הרבים בכתביו בענין זה, והנני לקדמו ברכה שיצליח בפעלו הטוב ויהי ד' עמו צלח ורכב על דבר אמת

אליקים שלעזינגער

**אני מצטרף, דבריו לא צריכים חיזוק, והרבה מסלפים ההיסטוריה שלנו שנתפשט, ודברי המחבר חשוב שמבאר מעשה אבות עפ"י תורה"ק, ברכה והצלחה**
**המצפה לרחמי שמים מרובים**

RABBI M. STERNBUCH
משה שטרנבוך
ראב"ד
לכל מקהלות האשכנזים
בעיה"ק ירושלים ת"ו
וראש הישיבה
ברמת בית שמש

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א
רח' שטראוס 26/א

BETH DIN TZEDEK
OF THE ORTHODOX
JEWISH COMMUNITY
26\A STRAUSS ST.
JERUSALEM

FAX 02-6221317 פאקס
TEL 02-6236550.טל
P.O.B 5006 .ת.ד


ב"ה

# ברכת הגאוה"צ הביד"צ שליט"א

הן נודע בשערים ובישראל גדול תועלת דעת סדר הדורות וקורות העיתים מאורעות תולדות ימי עמנו, ומקרא מלא דבר הכתוב שאל אביך ויגדך זקיניך ויאמרו לך וגו', וע"כ נתננו שמחה בלבנו לראות ספר "תולדות עם ישראל" והוא קורות דברי עמנו בימי בית שני ונביאים אחרונים, מעובד עפ"י מקורות מקראי קודש חז"ל ומדרשים, והכל בלשון צח ומצוחצח בסיפור הדברים בלשון אידיש המדוברת באופן שימשכו את לבות הקוראים ויבינוהו צעירי הצאן תשב"ר ובנות ישראל הכשרות שיחיו, ולהשכילם בינה ממקורות נאמנים לבל ירעו בשדות זרים אשר יכילו דעות משובשות.

והנה הספר הנ"ל יוצא פרי יגיעתו ועריכתו ומעשה ידיו של ספרא רבא הרה"ח המפו' מו"ה שמואל שלמה טעלער שליט"א מנהל בית חינוך לבנות בית רחל בקריה נאמנה קרית יואל יצ"ו, היודע בקורות דברי הימים מרבוה"ק ראשונים ואחרונים ללמדם ולהנחילם לצעירי הצאן בדרך הישרה, וכבר איתמחי גברא וקמיע דיליה ספריו שזכו להסכמות וברכות גדולי ישראל ונתקבלו ברוב חיבה בבתי ישראל מלמדים ומחנכים על תלמידיהם הניאותים לאורו ומברכים עליו ברכת הנהנין, ואף ספר זה שלחנו אל ידידינו הגאון רבי אלכסנדר הלוי הברפלד שליט"א מו"צ בפעיה"ק אשר עבר על הספר וראה כי ממקור קדוש באו הדברים, אשר על כן אף ידינו תכון בברכה לחלקו ביעקב ולהפיצו בישראל לתועלת תלמידים ומלמדים אשר ימצאו בו דבר דיבור על אופנו ללמוד וללמד.

ונסיים בברכה להרב המחבר שליט"א, שחפץ ה' בידו יצלח להגדיל תורה ולהאדירה ולחנך את בני ישראל בדרך הסלולה והמסורה לנו מאבוה"ק ורבוה"ק זיעוכי"א על משכנות הרועים, מתוך נחת ושמחה ורב ברכה והצלחה, ויפוצו מעיינותיו חוצה להנחיל תורה ודעת עד ביאת גואל בקרוב הימים בב"א.

וע"ז באעה"ח הביד"צ דפעיה"ק ת"ו
יום חמישי לסדר 'כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו' י' לחדש תמוז תש"פ לפ"ק

נאם אברהם יצחק אולמאן
נאם יעקב מענדל
נאם יהודה במהר"ר

**אני יכול לפטור את כל העולם כולו מן הדין**

**הקונטרס נתנדב לזכות רפואתה השלימה והמהירה של אם לתשעה ילדים שזקוקה לרחמי שמים מרובים**

# שינדל מירל בת דבורה רבקה

**יהי רצון שזכות התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי יגן עליה שתתרפא במהרה ברפואה שלימה בבריות גופא ונהורא מעליא בתוך שאר חולי ישראל, השתא בעגלה ובזמן קריב ונאמר אמן**

## הונצח על ידי משפחתה החשובה שיחיו

# תוכן הענינים

## פרק ק"ז - רבן שמעון בר יוחאי


רבן שמעון בן יוחאי ......................... י
מתלמידיו של רבי עקיבא ......................... יא
רבי שמעון בר יוחאי לערנט ביי רבי עקיבא אין תפיסה ......... יג
רבי שמעון בשעת הדחק ......................... יד
דאס גרויסקייט פון רבן שמעון בן יוחאי ......................... טו
ביטל כמה גזירות ......................... יז
די שליחות פון רבי שמעון בן יוחאי ......................... כא
רשב"י קעגן די אומות העולם ......................... כג
רבן שמעון בן יוחאי הייבט דעם כח התורה ביי כלל ישראל ..... כד
ידע כל תעלומות ......................... כו
יכול לפטור העולם ......................... כח
מתורתו של רבי שמעון למדנו ......................... ל
איני חפץ אלא בך! ......................... לג
דער מצב הגשמי פארבעסערט זיך ......................... לה
רבי שמעון לשיטתי': הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב ...... לו
רשב"י קומט ארויס פון די מערה ......................... מ
אשריך שראתנו בכך ......................... מב
טיהר את עיר טברי' ......................... מב
עליונים ירדו ותחתונים יעלו ......................... מד
פורץ גדרן של חכמים ......................... מה
הלכה כרבי שמעון ......................... מו
כל רז לא אניס לי' ......................... מז
נשמת בנו רבי אלעזר ......................... נ
רבי שמעון ותלמידיו ......................... נא
די יונה ברענגט א שליחות צו רבי שמעון ......................... נב

בסוד תורה הבהיר .......................... נד
רבן שמעון בן יוחאי איז מגלה דעם ספר הזוהר ............ נה
גלה מדרש הנעלם .......................... נו
איש איש לעצמו .......................... נח
התגלות ספר הזוהר .......................... ס
והלכה כרבי שמעון .......................... סג
בעליונים ובתחתונים .......................... סד
די פטירה פון רבן שמעון בן יוחאי - אדרא זוטא קדישא ....... סו
די פטירה פון רבן שמעון בן יוחאי - ל"ג בעומר ............ סז
בהאי קטירא אתקטר .......................... ע
אין מירון ליגט רבי שמעון! .......................... עב
ל"ג בעומר לדורותי' .......................... עד

## פרק ק"ח - רבי אלעזר בן רבי שמעון

רבי אלעזר בר שמעון .......................... עז
רבי אלעזר מיט רבי .......................... עט
כוחו של רבי אלעזר .......................... פ
רבי אלעזר מיט די גנבים .......................... פב
מעניש געווען דעם חציף .......................... פג
אף בשרי ישכון לבטח .......................... פד
חביבין עליו יסורים .......................... פה
די פטירה פון רבי אלעזר .......................... פח
יבא הבן אצל אביו .......................... פט
מה בין רבי לרבי אלעזר בר שמעון .......................... צג
רבי יוסף ברבי אלעזר .......................... צה

## פרק ק"ז
# רבן שמעון בר יוחאי

### ג"א תתקכ"ג - התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי

**חז"ל** (יבמות דף ס"ב ע"ב) דערציילן "צוועלף טויזנט זוגים תלמידים האט רבי עקיבא געהאט, פון גבעת ביז אנטיפרס, און זיי זענען אלע געשטארבן אין איין זמן ווייל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער אינעם צווייטן, און די וועלט איז געווען פארוואוסטעט".

**אין** יענע יארן ווען דער שווערער אומגליק האט פאסירט איז שוין רבי עקיבא געווען זייער אלט, און ער האט געדארפט מיטמאכן אזא ביטערע צרה צו זעהן מיט די אויגן וואו זיין הארעוואניע פון אלע יארן, זיינע הייליגע תלמידים, זענען נישט זוכה צו קענען ווייטער פארשפרייטן דעם אור תורה פאר זייערע תלמידים. דאס איז געווען א שווערע איבערלעבעניש.

**רבי** עקיבא האט אבער מקיים געווען דעם 'בבקר זרע זרעך וגם לערב אל תנח ידך', און אויף די עלטערע יארן האט ער זיך אנגעגארטלט מיט מורא'דיגע כוחות, און נאכדעם וואס האט אים געטראפן דער שרעקליכער אומגליק, האט ער זיך אריינגעלייגט מיט אלע כוחות ווייטער פארצוזעצן מיט זיין הייליגע ארבעט פון 'שלא תשתכח תורה מישראל', ער האט ווייטער געלערנט תורה מיט אידישע קינדער, און ער האט אין די זעלבע צייט ממשיך געווען אליינס צו לערנען, פאר זיך אליין צו שטייגן וואס העכער, און ווען ער איז אליינס נתרומם געווארן האט ער אויך משפיע געווען פארן רבים.

**ווען** ער איז אנגעקומען 'אצל רבותינו שבדרום', דארט האט ער אויף די עלטערע יארן אויפגעשטעלט זיינע גרויסע תלמידים, רבי מאיר, רבי יהודה, רבי יוסי, רבי שמעון, רבי אלעזר בן שמוע, רבי יוחנן הסנדלר, רבי אליעזר בן יעקב, וואס זיי זענען געווען די תורה ריזן ביי כלל ישראל, און זיי האבן מציל געווען די וועלט אין יענע צייט.

**אין** יענע שווערע תקופה, ווען אידן האבן שווער געליטן, עס איז געווען אין יענע צייט נאכן חורבן ווען די רומיים האבן געזוכט ארויסצוגעבן

גזירות אויף אידישע קינדער, זיי האבן געזוכט שווער צו מאכן אויף אידן, און עס איז געווען א תקופה וואס די ידים ידי עשו האבן געהאט אן אויבערהאנט, צו שווער מאכן אראפדרוקן אויף די אידן.

**רבי** עקיבא ותלמידיו האבן אין יענע צייט באוויזן צו ראטעווען דעם דור, טאקע נישט די 24 טויזנט תלמידים וואס ער האט געהאט אויפגעשטעלט פון פאראויס, ליידער די אלע האט ער פארלוירן, אבער די זיבן תלמידים וואס ער האט מעמיד געווען באחרית ימיו, זענען אלע געווען אדירי התורה ארזי הלבנון, זיי זענען אלע געווען מעכטיגע קאנאנען, און זיי האבן געראטעוועט דאס כלל ישראל, ווען זיי האבן באוויזן משליט צו זיין דעם אמאליגן כח התורה איבער כלל ישראל אויף א זייער שטארקן פארנעם.

**און** ווי דערמאנט, הייבט זיך ארויס איבער אלע תלמידים, דער הייליגער תנא רבן שמעון בן יוחאי.

## רבן שמעון בן יוחאי

**ווען** מיר באגעגענען אין משניות, אין די גמרא, רבי שמעון סתם איז דאס רבן שמעון בן יוחאי (ע' מס' שבועות דף ב' ע"ב ברש"י שם, רשב"ם בבא בתרא ק"ב ע"א).

**איבער** דעם יחוס פון רשב"י געפונען מיר אין חז"ל אין זאך וואס ער אליינס האט מעיד געווען בשם זיין זיידן.

עס ווערט דערציילט אין ירושלמי (ביצה פ"ה א', כגירסת הכוזרי הובא בפי' קרבן העדה) אז דער זיידע פון רשב"י איז געווען דער חזן פון ביהמ"ד החדש אין ירושלים, און זיין מנהג איז געווען צו גיין איבער די הייזער יעדן שבת צו רופן דעם ציבור אז עס איז שוין צייט צו קומען אין ביהמ"ד. מיט אסאך יארן שפעטער געפונען מיר ווי זיין אייניקל רשב"י האט אויף דעם סמך מתיר געווען צו קלאפן אום שבת ווייל אזוי האט זיך זיין זיידע געפירט נאך אין יענע פריערדיגע יארן.

**זיין** פאטער יוחאי איז געווען פון די חשוב'ע אידן ביי כלל ישראל (ע' במס' פסחים דף קי"ב ע"א), און עס זענען אפילו געווען געלעגנהייטן ווען דאס כלל ישראל האט זיך גענויטיגט אז עס זאלן זיין פון די חשובי ופני הציבור וואס זאל זיי פארטרעטן פאר די מלוכה, איז יוחאי געווען צווישן די וואס זענען אויסגעוועלט געווארן צו גיין רעדן בשם העם, און

פועל'ן ביי זיי צו וועלן פארגרינגערן פאר אידישע קינדער אין זייערע דעמאלטסדיגע שווערע מצבים.

**לויט** א דעה איז רבי שמעון בן יוחאי געבוירן געווארן נאך אין די צייטן פון צווייטע ביהמ"ק. (די וואס נעמען אן די דעה ברענגען א ראי' לשיטתם פון די באקאנטע מעשה פון מס' ברכות דף כ"ח, ווען די חכמים האבן אראפגעזעצט רבי גמליאל פון זיין נשיאות און מען האט דאס איבערגעגעבן פאר רבי אלעזר בן עזריא, איז רבי שמעון בר יוחאי געווען דער שואל וואס האט אויפגעברענגט די שאלה צי תפילת ערבית רשות או חובה, וואס פון דעם האט זיך אנגעהויבן דער גאנצער טומל, און יענע מעשה איז געווען זיבן יאר נאכן חורבן הבית, בשנת ג"א תתל"ה, מוז זיין אז רשב"י איז שוין געווען געבוירן היבש פריער).

**אין** די תקופה ווען די חכמים, די סנהדרין גדולה איז פארטריבן געווארן פון ירושלים, און זיי האבן זיך באזעצט אין יבנה, איז שוין רשב"י געווען צווישן די חכמים.

## מתלמידיו של רבי עקיבא

**די** התמדה פון רבן שמעון איז געווען עד אין לשער, חכמינו ז"ל אין מס' כתובות (דף ס"ב ע"ב עי' רש"י שם) דערציילן ווי בסוף ימי חופתו פון רבי שמעון איז רבי חננ' בר חניכאי געגאנגען לערנען תורה און די ישיבה, און ווי נאר עס האט זיך געענדיגט די ימי המשתה פון רבי שמעון איז ער נאכגעגאנגען נאך אים כדי צו קענען לערנען תורה פון רבי עקיבא אין בני ברק.

**אין** מדרש (ויק"ר פכ"א ח') ווערט געברענגט אז רשב"י האט געלערנט ביי רבי עקיבא אין די ישיבה מער ווי דרייצן יאר, נאר ער איז געווען געוואוינט כסדר צו שיקן גריסן, און ער האט מיטגעהאלטן אלעס וואס טוט זיך ביי אים אין שטוב.

**רבי** שמעון בן יוחאי ווערט דערמאנט צווישן די 'רבותינו שבדרום', און ער איז געווען צווישן די געציילטע תלמידים מיט וועמען רבי עקיבא האט געלערנט תורה נאכדעם וואס זיינע 12 טויזנט זוגות תלמידים זענען אויסגעשטארבן, און ער האט געהאט א טייל אינעם החזרת העטרה ליושנה אין יענע שווערע תקופה.

**ווען** חכמינו ז"ל דערמאנען איבער די חכמים וואס זענען נסמך געווען 'בין אושא לשפרעם' אין יענע שווערע צייטן ווען מען האט זיך געדארפט אויסבאהאלטן מחמת חמת המציק, און רבי יהודה בן בבא

האט געזעהן דעם ביטערן מצב און ער האט מורא געהאט אז די שלשלת הקבלה וועט בטל ווערן האט ער מיט מסירות נפש מסמיך געווען עטליכע תלמידים, איז רשב"י אויך געווען צווישן זיי. (עי' סנהדרין דף י"ד ע"א).

**נאך** אין יענע צייטן ווען רבי עקיבא האט געלעבט האט ער שוין זייער מחשיב געווען דאס גדלות פון זיין תלמיד רשב"י, און רבי עקיבא האט אים ממנה געווען בחייו אז ער זאל זיין אינאיינעם מיט רבי מאיר אין די סנהדרין.

**ווי** עס ווערט דערציילט אין ירושלמי (סנהדרין פ"א ב') אז ווען זיי זענען אנגעקומען צו די סנהדרין האט זיך רבי מאיר געזעצט פריער, און דאס האט געשטערט פאר רבי שמעון, האט אים זיין רבי רבי עקיבא געזאגט "דייך שאני ובוראך מכירים את כוחך", עס דארף זיין גענוג אז איך און דיין באשעפער וויסן דיין גרויסקייט", און אויב ביי מענטשן אין די אויגן ביסטו נישט אזוי געשעצט ווי עס איז דיין אמת'ע גדלות, דארף דיר דאס נישט שטיין אין וועג, בעיקר דארף מען געפעלן אין די אויגן פון כביכול.

**רבי** שמעון איז כל ימיו געבליבן מיט א מורא'דיגע הערצה צו זיין רבי'ן רבי עקיבא, און ער האט אים מחשיב געווען אויף א גאר שטארקן אופן.

**אין** מס' נזיר (דף נ"ב ע"ב) ווערט דערציילט אז מיט יארן נאכדעם וואס רבי עקיבא איז שוין אומגעקומען ביי די גזירה פון די עשרה הרוגי מלכות, האט מען גערעדט צווישן די חכמים איבער א געוויסע הלכה וואס רבי עקיבא האט שוין געהאט געזאגט זיין מיינונג דערויף, און רבי שמעון האט זיך דערויף אויסגעדרוקט "אם משמת חזר בו איני יודע", עס קען זיין אז נאכדעם וואס ער איז געשטארבן האט ער שוין צוריק געצויגן פון די הלכה, וואס דאס זעהט אויס ווי א גנאי אזוי זאגן אויף א רבי אז ער זאל לאחר מותו צוריק ציעהן פון א פסק וואס ער האט געזאגט בחייו, וואס צייגט אז מעגליך אז בחיים חיותו איז ער נישט אזוי קלאר געווען אין דעם ענין, האט רבי שמעון דערויף תשובה געטון ביז ווען זיינע ציין זענען שווארץ געווארן פון זיינע פארמערטע תעניתים.

**אין** יענע יארן האט רשב"י געלערנט תורה און געדינט דעם אייבערשטן מתוך הדחק. ער פלעגט גיין אין ביהמ"ד צום לערנען בשעת ווען ער האט געשלעפט זיין קארב אויף זיינע פלייצעס, זאגנדיג "גדולה מלאכה

שמכבדת את בעלי', און אויף דעם סל איז ער געזעסן אין ביהמ"ד בשעת ווען ער האט מקבל תורה געווען פון זיינע רבי'ס.

**רבן** שמעון בן יוחאי האט אויך אסאך כוחות אריינגעלייגט אין שימוש תלמידי חכמים, ווי מיר טרעפן אין די גמרא (ברכות דף ז' ע"ב) "אמר רבי שמעון בר יוחאי גדולה שימושה של תורה יותר מלימודה, שנאמר פה אלישע בן שפט, אשר יצק מים על ידי אליהו", דרש'ענט רשב"י "'למד' לא נאמר אלא 'יצק'", אז ער האט פון דעם געמאכט אז גרויסער עיקר אז א תלמיד וואס דארף לערנען מיט תלמידים דארף אויך האבן שימוש תלמידי חכמים, און אויב האט מען נישט משמש געווען קיין תלמידי חכמים קען מען זיך נישט סומך זיין אויף די אייגענע הוראה.

## רבי שמעון בר יוחאי לערנט ביי רבי עקיבא אין תפיסה

**די** גמרא דערציילט (פסחים קי"ב ע"א) תנו רבנן חמשה דברים צוה רבי עקיבא את רבי שמעון בן יוחאי כשהיה חבוש בבית האסורים". פינף זאכן האט רבי עקיבא אנגעזאגט פאר רשב"י אין יענע תקופה ווען ער איז געווען איינגעשפארט אין תפיסה.

**ווי** חז"ל דערציילן איז דאס בכלל נישט געווען אזוי פשוט, און רשב"י האט זיך מוסר נפש געווען אז ער זאל אין יענע תקופה קענען מקבל תורה זיין פון רבי עקיבא, און ער האט זיך געדארפט אנגארטלען מיט אסאך עזות דקדושה אז ער זאל זוכה זיין דערצו.

**רשב"י** איז אריינגעקומען אין תפיסה און ער האט געזאגט פאר רבי עקיבא "רבי, למדני תורה", רבי, איך בעט דיר אז דו זאלסט מיט מיר לערנען תורה, האט אים רבי עקיבא געזאגט "איני מלמדך", איך וויל נישט לערנען מיט דיר, ווייל דאס וואס ער האט געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים איז דאך געווען די סיבה פארוואס מ'האט אים איינגעשפארט אים תפיסה.

**רשב"י** האט דאך געהאט א געוואלדיגע השתוקקות צו לערנען תורה פון רבי עקיבא, האט ער זיך אנגערופן "אויב ווילסטו נישט לערנען מיט מיר תורה, וועל איך זאגן פאר מיין טאטן יוחי אז ער זאל זיך מער נישט משתדל זיין פאר דיינעט וועגן, וואס דאס וועט גורם זיין

אז די באציאונגען וואס די מלכות האט צו דיר ביז יעצט וועט זיך טוישן צו ארגער".

**האט** אים רבי עקיבא געזאגט "מיין קינד, גלייב מיר 'יותר ממה שהעגל רוצה לינק פרה רוצה להניק', נאכמער ווי דער תלמיד איז משתוקק צו מקבל זיין תורה איז דער רבי משתוקק צו משפיע זיין ווייטער, אבער אז די סכנה איז אזוי גרויס, און די רשעים האבן מיר געלייגט דא אין תפיסה ווייל זיי זענען ברוגז אויף מיין הרבצת התורה, ווי קען איך דעם איינשטעלן, און ווייטער ממשיך זיין מיט הרבצת התורה אין אזא מצב".

**אבער** רבי שמעון בן יוחאי האט אזוי שטארק משתוקק געווען צו קענען לערנען פון רבי עקיבא האט ער זיך נישט געלאזט און ער האט מיט אים איינגעטענה'עט "ומי בסכנה?", ווער איז זיך יעצט מוסר נפש צו לערנען תורה? ווייל דו ביסט דאך שוין סיי ווי אין תפיסה, די רשעים האבן דאך שוין אויף דיר סיי ווי געלייגט די האנט, אבער איך בין דאך נאך אויף די פריי און איך בין אריינגעקומען אין תפיסה מיטן ציהל צו לערנען תורה פון דיין מויל בין איך זיך יעצט מוסר נפש, און איך שטעל זיך איין מיין לעבן אז זיי זאלן מיך פארכאפן, און דן זיין, ממילא ווי קען זיין אז דער רבי זאל מיך אפזאגן און נישט וועלן לערנען מיט מיר תורה נאכדעם וואס איך האב זיך אזוי שטארק מוסר נפש געווען אז איך זאל קענען זוכה זיין צו לערנען פון דיר.

**רבי** עקיבא האט אבער דאך נישט געוואלט איינשטעלן, און אפילו דעמאלטס האט ער נאר געלערנט מיט רשב"י פינף ענינים מעניני דרך ארץ, אבער נישט קיין דברי תורה.

## רבי שמעון בשעת הדחק

**רשב"י** האט מיטגעלעבט די אלע שווערע צייטן און די ביטערע גזירות וואס די רוימיים האבן אין יענע צייטן ארויסגעגעבן צו מבטל זיין די ערליכע אידן פון שמירת התורה והמצוות, אנגעהויבן ביי חורבן ביתר, אלע אנדערע גזירות און שמד, די עשרה הרוגי מלכות, און שפעטער ווען די רשעים האבן זיך פארמאסטן צו צוברעכן די לעצטע כוחות פון די ערליכע אידן וואס איז נאך געווען אין ארץ ישראל.

**אלע** יארן פון רבן שמעון בן יוחאי איז געווען שווערע צייטן פאר אידן, עת צרה היא ליעקב, און ערליכע אידן האבן זיך שווער געמוטשעט

צו קענען אנגיין מיט חיי התורה והמצוות. רבי שמעון איז געווען לנס עמו, ער האט געלערנט תורה אונטער אלע אומשטענדן, ער האט זיך מוסר נפש געווען צו לערנען תורה מתוך הדחק, און עס רעדט פאר זיך דער מציאות אז ער האט באוויזן אנצוקומען ביז אינעווייניג אין תפיסה אז ער זאל קענען ווייטער לערנען תורה פון רבי עקיבא איידער מען האט אים געהרג'עט אויף קידוש ה'.

**רשב"י** האט אלע יארן איבערגעגעבן ווייטער לדורות די תורה וואס ער האט מקבל געווען פון זיין רבי'ן רבי עקיבא, און עס איז מיוחס על שמו "מכילתא דרשב"י על ספר שמות", און "ספרי" על סדר במדבר.

**די** מדריגות וואס חכמינו ז"ל האבן געזאגט אויף רבי שמעון דאס איז געווען אויף א פארנעם מער ווי מ'האט געזאגט אויף אלע חכמי ישראל אין זיינע דורות און אין די שפעטערדיגע דורות, און זיין השפעה אויף אלע איז אויך געווען זייער גרויס בדורו און אויף די שפעטערדיגע דורות.

## דאס גרויסקייט פון רבן שמעון בן יוחאי

**רבן** שמעון איז געווען זיער גרויס בדורו, און זיינע חברים די חכמים האבן שוין אין יענע צייט קובע געווען אז אויף יעדן פלאץ, וואו רבי שמעון האט מחולק געווען מיט רבי מאיר, איז די הלכה כרבי שמעון (ירושלמי דמאי פ"ה). און במשך די קומענדיגע דורות איז זיין נאמען אלס מער געוואקסן און נתפרסם געווארן אלס דער אב החכמים ורב רבנן, און זיין השפעה איז געווען עד אין לשער.

**אין** די גמ' מס' בבא מציעא (דף קי"ט ע"א ועי' ברש"י שם) באגעגענען מיר ווי חכמינו ז"ל דרוקן זיך אויס "אפריון נמטי לרבי שמעון", ווען עס איז געווען א שווערע הלכה'דיגע דיסקוסיע צווישן די חכמים, און זיי האבן זיך מתווכח געווען אין שווערע הלכות, ווען מען האט געברענגט פאר 'שבור מלכא' (דאס איז געווען דער בקי בהלכות) אלע שיטות האט ער געזאגט אז "מגיע לן חן שלנו" ויפרו וירבו חכמים כמותו", ווען אלע זענען נתפעל געווארן, און זיי האבן געשפירט אז דער דעת תורה פון רבן שמעון דאס איז די אמת'ע הלכה לאמיתה של תורה.

**אין** מס' קידושין (דף ס"ח ע"ב ועוד) זאגן חכמינו ז"ל אז רבי שמעון איז געווען 'דריש טעמא דקרא', און אויף יעדע זאך וואס איז געווען

די תורה און הלכה האט ער גע'דרש'ענט וואס עס זענען געווען די טעמים ונימוקים פון דעם פסוק, פארוואס די תורה האט אזוי געזאגט, און פארוואס מען טוט אזוי אננעמען.

**ווי** גרויס רבי שמעון איז שוין געווען בשעתו צווישן די חכמים, רעדט פאר זיך די ווערטער וואס רבי יוחנן האט געזאגט (פסחים דף נ"א ע"ב) "כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בין בפניו ובין שלא בפניו".

**זיינע** חברי די חכמים זענען געווען אזוי נתפעל און זיי האבן זיך געשפירט אזוי בטל פאר זיין גדלות בתורה, אז זיי האבן זיך אויסגעדרוקט בחייו אויף אים מיט אויסערגעווענליכע הגדרות, ווי מיר זעהן די ווערטער וואס רבי האט געזאגט (מכות דף י"ז ע"ב) "כל דתלד כותי' תלד, כל שאמו יולדת תבקש רחמים יהי רצון שתלד כרבי שמעון, ואם לאו אל תלד", יעדע אידישע מאמע זאל בעטן פונעם אייבערשטן אז זי ווילן זוכה זיין צו אזא קינד ווי רבי שמעון, און אז נישט זאל איר קינד נישט געבוירן ווערן.

**דאס** איז געווען זיין ערך אין די אויגן פון זיינע חברים אין יענע צייט וואס זייער התפעלות פון זיין גרויסקייט איז געווען העכער פון יעדע ערך, און זיי האבן אים מעריך געווען און ארויפגעקוקט אויף א גאר שטארקן פארנעם.

**ווי** חכמינו ז"ל דערציילן אונז (מגילה דף י"ז) אז רבן שמעון בן יוחאי געווען א מלומד בניסים, און זיינע חברים די חכמים האבן דאס געוואוסט, ווען עס איז געווען דער שינוי אין מלכות רומי, און עס איז אויפגענומען געווארן אנטונינוס פיוס אלס קיסר, האבן זיינע חברים די חכמים אים גענומען אז ער זאל פארן קיין רום און ער זאל דארט זעהן צו מבטל זיין די גזירות וואס דאס מלכות האט ארויפגעלייגט אויף די אידן.

**רבי** אלעזר ב"ר יוסי איז דעמאלטס ארויפגעפארן מיט אים אינאיינעם, און עס איז טאקע געשעהן צו אים דארט נסים ווען די טאכטער פונעם קיסר איז משוגע געווארן, און ער האט דארט געהאלפן בעניני רפואות איר אויסצוהיילן און עס איז געקומען דורך אים א ישועה און עס זענען נתבטל געווארן די רשעות'דיגע גזירות וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך אנדריינוס קיסר.

**לאמיר** איבערגיין די מעשה באריכות:

# ביטל כמה גזירות

**ווי** דערמאנט האט די מלכות הרשעה געהאט ארויס געגעבן זייער שווערע גזירות אויף אידישע קינדער, בעיקר האבן זיי זיך פארלייגט אויף דריי גזירות, דאס איז געווען שמירת שבת, מצות מילה, און טהרת המשפחה, און דאס האט א לענגערע צייט זייער שווער און שטארק געפיינגט אידישע קינדער, און די חכמים האבן געזוכט וואס עס איז שייך צו קענען טון אין די יעצטיגע תקופה צו קענען מבטל זיין די גזירה.

**כאטש** דער מלך רשע איז שוין געשטארבן, און מען האט שוין פון אים נישט געדארפט מורא האבן, און די חכמים האבן געוואוסט אז עס בלאזן שוין נייע ווינטן, אבער דאך איז נאך דער מצב נישט געווען אזוי פויגלדיג, און עס איז געווען זייער קלאר אז מ'וועט דארפן אנקומען צו נסים אז מ'זאל קענען די גזירה מבטל זיין אינגאנצן.

**אין** מס' מעילה (דף י"ז ע"א) דערציילן חכמינו ז"ל וואס מען האט געטון לביטול הגזירה: עס איז געקומען רבי ראובן בן איסטרובלי און ער האט זיך אפגעשוירן זיינע האר אויף דעם אופן אזוי ווי די גוים פלעגן זיך אפשערן, און ער האט זיך אזוי אנגעטון אז מען האט אויף איהם נישט דערקענט אז ער איז א איד, און ער איז געגאנגען זיך זעצן צוויש די גוי'אישע שרים וואס זיי האבן געהאט אן איינפלוס אויף די חוקים אין רוים, בשעת ווען קיינער ווייסט נישט באמת ווער ער איז.



**בשעת** ווען ער האט מיט זיי פארברענגט, האט ער זיי געדטעלט א פראגע "ווען איינער האט א שונא, וואס איז געוועגליך זיין ציהל אז דער שונא זאל רייך ווערן אדער ארים ווערן?!".

**זיי** האבן אים אנגעקוקט מיט וואונדער, "אוודאי וועט מען וועלן אז דער שונא זאל ארים ווערן".

**האט** ער זיי געזאגט "לויט דעם פארשטיי איך נישט דעם חשבון וואס מיר האבן געמאכט ווען מיר האבן ארויסגעגעבן א גזירה אז די אידן זאלן ארבעטן שבת, וואס פארא רווח האבן מיר דערפון? אז זיי ארבעטן מער, און זיי פארדינען מער געלט?! דאס שכל וואלט געווען אז מיר וואלטן דוקא געדארפט זיין צופרידן מיט דעם וואס זיי ארבעטן נישט שבת, ווייל דאס מאכט זיי ארימער".

**די** שרים דארט האבן מודה געווען אז זיינע ווערטער זענען דברים של טעם, און זיי האבן מסכים געווען אז מען דארף צוריק ציעהן די גזירה און זאגן אז די אידן זאלן דוקא יא האלטן שבת.

**נאכדעם,** ווען ער האט מצליח געווען מיט די ערשטע האט ער ווייטער ממשיך געווען מיט זיינע שאלות:

**"ווען** איינער האט א שונא, וואס דארף זיין זיין ציהל, צו שוואך מאכן דעם שונא, אדער זיך זארגן פאר זיין געזונט און זיינע כוחות?".

**"אוודאי** דארף ער זוכן נאר מיט וואס ער קען איהם שוואך מאכן" האבן די רומי'שע שרים געענטפערט.

**האט** ער גע'טענה'עט צו זיין "פארוואס האבן מיר ארויס געגעבן א גזירה אז זיי זאלן נישט מל זיין זייערע קינדער צו די אכט טאג, אדרבא, זאלן זיי יא מקיים זיין זייערע מצוות וואס דאס וועט זיי שוואך מאכן און זיי וועלן נישט האבן קיין כח".

**די** חכמי רומי האבן אים אויך צו דעם געדארפט געבן גערעכט, און זיי האבן מבטל געווען אויך די גזירה.

**שפעטער** האט ער ממשיך געווען מיט זיינע שאלות "ווען איינער האט א שונא, וואס זארגט ער זיך, אז דער שונא זאל ווערן אלס מער אדער אלס ווייניגער"?

**"אוודאי** וויל ער אז דער שונא זאל ווערן ווי ווייניגער" האבן אלע חכמי רומי געענטפערט.

**"טא,** וואס איז דער פשט פון דעם וואס מיר פארבאטן זיי פון פירן זייער לעבנס שטייגער, וואס דאס איז דער גורם אז זיי זאלן זיך נישט קענען צו שטארק פארמערן, און מיט אונזערע גזירות מאכן מיר אז זיי זאלן קענען זיך פארמערן אלס מער".

**און** דאן האבן די רוימיים מבטל געווען אויך די דריטע גזירה.

**אבער** (עי' מנורת המאור נר ג' פ"ב כלל א' חלק ב' סי' פ"ג) מיט די צייט זענען די רוימיים געוואויר געווארן אז דער שר וואס האט זיי אפגערעדט פון די גזירות קעגן די אידן איז בכלל נישט געווען קיין רומי'שער שר, און דאס איז געווען א אונטערגעשטעלטער שפיצל פון די אידן, זענען זיי געווען שטארק בכעס, און זיי האבן צוריק געשטעלט די דריי גזירות.

**די** חכמים האבן אבער געוואוסט אז עס איז זייער וויכטיג, כדי דאס כלל ישראל זאל קענען ווייטער האבן א קיום, פעלט אויס אז מען זאל ווי שנעלער מבטל זיין די גזירות, און אויב ביז היינט האט מען נישט געטראכט דערפון ווען מען האט געוואוסט אז מען האט א מלך רשע וואס זיין ציהל איז געווען צו האלטן די גזירות קעגן די אידן, האבן זיי אבער אויך געוואוסט אז צייטן האבן זיך געביטן און דער נייער קיסר איז בכלל נישט אינטערעסירט צו טשעפענען די אידן, זיי דארפן נאר טרעפן די געלעגענהייט צו קענען אפעלירן צו זיין געוויסן אז ער זאל



דערהערן דעם פראבלעם פון די אידן, און משים זיין אל הלב צו זייער פיין און עגמת נפש, און ווי ווייט די גזירות שטייען זיי אין וועג און שטערן זיי פון קענען אנגיין מיט זייער דרך התורה.

**האבן** זיי נאר געגומען פאר א דאגה ווער זאל יעצט זיין דער שליח וואס זאל אהין גיין און ער זאל טון וואס ער זאל קענען טון און העלפן צו מבטל זיין די גזירות, האבן זיי מחליט געווען אז מען וועט שיקן רבן שמעון בן יוחאי וואס ער איז א מלומד בניסים, און ער וועט דארט פועל'ן צו מבטל זיין די גזירות.

**ווער** זאל גיין נאך איהם כדי צו זיין זיין גבאי און ער זאל איהם באגלייטן אויפן וועג, האבן זיי גערעדט איבער רבי אלעזר ב"ר יוסי.

**רבי** יוסי האט געהערט אז מען רעדט פון זיין זון אז ער זאל גיין און ער זאל זיין דער שליח וואס זאל גיין באגלייטן רבי שמעון בן יוחאי, האט ער חושש געווען די הקפדה פון רשב"י, און ער האט מורא אז ווער ווייסט עס קען ח"ו פאסירן א קלייניגקייט אויפן וועג און רבי שמעון וועט האבן אן הקפדה וואס וועט שאטן פאר זיין זון, און ער האט דאך גוט געוואוסט ווי ווייט מען דארף אכטונג געבן פון 'גחלתן של תלמידי חכמים', און נישט זוכן זיך צו איינשטעלן אויף אזעלכע פלעצער וואס מ'קען ח"ו דערויף טייער ארויפצאלן. (עי' במס' מעילה דף י"ז ע"א ובפי' רש"י ותוס' שם).

**האט** רבי יוסי געזאגט פאר די חכמים "ווען מיין טאטע רבי חלפתא וואלט ווען נאך יעצט געלעבט וואלט איר געהאלטן אז איר קענט אים זאגן 'תן בנך להריגה?'... מיינענדיג צו זאגן אז ער שפירט אז מיט דעם וואס זיי ווילן נעמען זיין זון אז ער זאל זיין דער באגלייטער פון רשב"י, מיינט דאס ממש סכנת נפשות, און ער פארשטייט נישט ווי אזוי זיי קענען דאס בכלל פארלאנגען פון אים, אויב ער איז א טאטע וואס זארגט זיך פאר די טובה פון זיין זון.

**ווען** רבי שמעון בר יוחאי האט געהערט איבער וואס עס איז דא די רעדע, האט ער זיך אנגערופן "איך וויל אויך פרעגן די זעלבע קשיא, ווען מיין טאטע יוחאי וואלט ווען יעצט געלעבט, וואלט איר אים ווען דען יא געקענט זאגן 'תן בנך להריגה?', צי איז דעם די שליחות וואו איך גיי יעצט נישט קיין סכנה, אז מען גייט צו די רוימיים, און מען איז גרייט אריינצוגיין אין מויל פונעם לייב, זיך משתדל זיין לטובת די אידישע קינדער, איז דאס דען נישט קיין גרויסע סכנה מצד די גוים, ווי אזוי זיי

קענען זיך באציעהן זי אונז, נאר וואס דען? אז עס איז א טובה פאר כלל ישראל מאכט מען נישט קיין איבריגע חשבונות נאר מען טוט וואס מען דארף צו טוהן לטובת הכלל".

## די שליחות פון רבי שמעון בן יוחאי

**האט** רבי יוסי געזאגט "אויב אזוי וועל איך גיין זיך באגלייט צו רבי שמעון בן יוחאי, ווייל איך האב מורא פארן וואוילזיין פון מיין זון אז ער זאל נישט נענש ווערן אונטערוועגנס אויב רבי שמעון וועט האבן אויף איהם אן הקפדה.

**ווען** רבי שמעון האט געהערט איבער וואס עס איז די רעדע, האט ער געזאגט "איך בין מקבל אויף מיר אז איך וועל נישט האבן קיין הקפדה, און איך וועל איהם נישט מעניש זיין. הערשט דאן האט רבי יוסי געגעבן רשות אז זיין זון זאל מיטפארן מיט רשב"י אויף זיין נסיעה קיין רוימי.

**דערציילן** אבער חכמינו ז"ל (מס' מעילה דף י"ז ע"א) אז אונטערוועגענס איז אונטערגעקומען א מעשה איבער א פסק פון א שאלה אויף א שרץ, וואס האט גורם געווען אז רבי שמעון האט געהאט חלישות הדעת, און רבי אלעזר איז קראנק געווארן אויפן שיף מיט די 'אסכרה' מחלה ל"ע, און רבי שמעון האט מתפלל געווען פאר איהם און ער איז געזונט געווארן.

**ווען** זיי זענען אנגעקומען קיין רוימי, זענען זיי ארויסגעגאנגען פון די שיף כדי צו גיין צום הויז פונעם קיסר, איז זיי אנטקעגן געקומען 'בן תמליון', דאס איז דער נאמען פון א שד, און ער האט געפרעגט פון רשב"י צי ער וויל אז ער זאל מיטגיין מיט איהם אויפן וועג צום קיסר?.

**ווען** רשב"י האט געהערט די שאלה האט ער זייער געוויינט און ער האט געזאגט "הגר, די דינסט פון שרה אמנו, זי האט זוכה געווען אז א מלאך האט זיך באוויזן צו איר דריי מאל ווען זי איז געווען אין וואלד, נאכן פארטריבן ווערן פון די שטוב פון שרה, און איך האב נישט די זכי' אפילו איינמאל, נאר א שד דאס דארף מיך העלפן, און באגלייטן אויף מיין שליחות?".

**האט** ער אבער אויסגעפירט "יבא הנס מכל מקום", אויב איז באשערט אז מיר זאלן געהאלפן ווערן דורך דעם שד זאל זיין אזוי, אבי עס זאל קומען א ישועה פאר אידישע קינדער.

**האט** זיך בן תמליון באגלייט צו רשב"י, און ווען מען איז אנגעקומען צום פאלאץ פונעם קיסר האט ער זיך געפעדערט און ער איז אריין קודם אינעם פאלאץ. און ער איז אריין געגאנגען אינעם טאכטער פונעם קעניג און זי איז מושוגע געווארן, און זי האט זיך גענומען צו שרייען מיט באנומענע קולות "ברענגט מיר רבי שמעון בן יוחאי! ברענגט מיר רבי שמעון בן יוחאי".

**דארט** אין פאלאץ האט מען נישט געוואוסט וואס זי רעדט, און די דאקטורים וואס זענען איר געקומען אונטערזוכן, האבן נישט געטראפן וואס עס איז איר מחלה און וואס עס איז די רפואה.

**ביז** ווען רבי שמעון איז אנגעקומען אין פאלאץ, און מען האט אים צוגעפירט צום קעניגס טאכטער, און ער האט געזאגט "בן תמליון גיי ארויס, בן תמליון גיי ארויס", און ווי נאר רבי שמעון האט געזאגט די ווערטער איז דער שד ארויסגעגאנגען ווען בשעת מעשה האבן זיך צובראכן אלע גלעזער וואס זענען געווען אין פאלאץ, און זי איז געזונט געווארן.

**די** באדינער אינעם פאלאץ וואס זענען געווען זייער פארלוירן פונעם מצב, און יעצט זענען זיי געווען אזוי איבערראשט צו זעהן ווי אזוי עס איז געקומען די ישועה אומגערישט, האבן געזאגט פאר רבי שמעון "איר קענט בעטן וואס איר ווילט נאר און מיר וועלן דאס אייך נאכגעבן".

**האט** רבי שמעון נאר געבעטן אז מען זאל איהם אריין פירן אינעם קעניגליכן ארכיוו, און ער האט דארט אויפגעזוכט די שטרות וואו עס איז געווען פארשריבן די גזירות קעגן די אידן, נאך פון די צייטן פון אנדריינוס קיסר, און ער האט דאס צוריסן אויף שטיקער, און דעמאלטס איז בטל געווארן די גזירות שמד פון אידישע קינדער.

**ווען** מיר טרעפן אין דברי חז"ל (מעילה י"ז ע"א) אמר בי אלעזר ב"ר יוסי "אני ראיתי את הפרוכת בעיר רומי והיו בה כמה טיפי דם", דאס איז געווען ווען רבי אלעזר איז געווען אין רומי צוזאמען מיט רבי שמעון, ווען ער האט אים באגלייט כדי צו מבטל זיין די גזירות אויף אידישע קינדער.

**דער** שריט איז געווען זייער א חשוב'ער און וויכטיגער ביי כלל ישראל, און ווי נאר די גזירות זענען נתבטל געווארן האבן די חכמים אנגעהויבן צו ארבעטן מיט אלע כוחות אויפן געביטן פון להחזיר העטרה ליושנה, און זעהן צוריק אויפצולעבן דאס כלל ישראל, און פארעכטן די גרויסע חורבנות וואס זענען געשאפן געווארן במשך די יארן וואס עס איז איז נישט געווען כח בי"ד יפה.

## רשב"י קעגן די אומות העולם

**אין** די ווערטער פון חכמינו ז"ל זעהן מיר אז די חכמי רומי האבן געזעהן אז רשב"י איז אן אויסערגעווענליכער חכם צווישן די חכמי ישראל, און זיי האבן זיך געשטעלט צו האבן מיט אים וויכוחים איבער עניני דת ואמונה.

**עס** ווערט דערציילט (מדרש הובא בדע"ז לבעה"ת ס' האזינו) א געוויסער חכם פון די חכמי רומי האט געפרעגט פון רשב"י "ענקער באשעפער איז א קנאי, ווי עס שטייט אין פסוק קל קנא", אויב אזוי געווענליך ווייסן מיר אז קנאה איז שייך פון איינעם אויף א צווייטן וואס איז זיינס גלייכן, א חכם איז זיך מתקנא אין א חכם, א גיבור האט קנאה אויף א צווייטן גיבור, ווי אזוי פארשטייט זיך דאס וואס עס שטייט אין פסוק (דברים ל"ב כ"א) "הם קנאוני בלא אל ואני אקניאם בלא עם בגוי נבל אכעיסם", אויב זענען זיי בכלל נישט קיין אלהות פארוואס איז דא א חרון אף פונעם אייבערשטן אויף זיי?".

**האט** אים רשב"י געענטפערט מיט א משל למה הדבר דומה "א מענטש האט גענומען א פרוי א יפת תואר, און נאכדעם האט ער גענומען א צווייטע פרוי, א כעורה, האט די ערשטע געהאט אויף אים טענות און כעס 'בשלמא ווען דו נעמסט ווען די צווייטע פרוי א פאסיגע מיט אלע מעלות וואלט איך נישט געהאט קיין טענות, אבער אז דו קענסט מיך אויפטוישן מיט אזא איינע, איז מיין כעס און ווייטאג פיל גרעסער'.

**דאס** זאגט דער רבש"ע פאר אידישע קינדער 'אויב ווייסט עטס יא וואס די עבודה זרה איז, און ווי ווייט זי האט נישט קיין שום כח און קיין שום ממשות, איז דאך דער ווייטאג און צער פולפאכיג גרעסער".

**אין** יענע יארן ווען מען האט נאך אסאך געליטן פון די רשעים, און זייערע גזירות זענען נאך געווען שטארק האבן זיך די תנאים צוזאמען

גענומען יעדער אויף זיין ארט, יעדער אין זיין ווינקל. רבן שמעון האט מייסד געווען א ישיבה אין די שטאט תקוע, א קליין שטעטל אין מדבר תקוע (עי' בדברי הימים ב', כ' כ') וואס געפונט זיך אין ארץ יהודה, און דארט זענען געזעסן מיט אים זיינע גרויסע תלמידים, די גדולים שבגדולים, און זיי האבן דארט מקבל געווען תורה פון זיין מויל.

**צווישן** זיינע תלמידים וואס זענען דארט געזעסן איז אויך געווען רבי יהודה הנשיא.

## רבן שמעון בן יוחאי הייבט דעם כח התורה ביי כלל ישראל

**רבן** שמעון בן יוחאי האט זיך ממית געווען באהלה של תורה מתוך הדחק, ער איז געווען אן עני ואביון, אבער ער האט אלעס אויף די וועלט אוועק געגעבן אז ער זאל קענען לערנען תורה, און אין אלע שווערע מצבים האט ער נישט מוותר געווען אויף גארנישט, ער האט נישט געקוקט אויף זיין פרנסה און אויף זיין כבוד, און ער האט זיך נאר געזארגט אויף זיין תורה, און אז ער זאל קענען מקבל זיין פון זיינע רבי'ס, אזוי אויך אז זיינע תלמידים זאלן קענען דאס ממשיך זיין אויף ווייטער.

**צו** זעהן דאס גדלות פון רשב"י קענען מיר זעהן פון די מימרות וואס ווערט געברענגט בשמו אין דברי חכמינו ז"ל.

**אין** מס' שבת (דף י"א ע"א) ווערט גערעדט איבער די הלכה "חברים שהיו עוסקים בתורה מפסיקים לקריאת שמע ואין מפסיקים לתפילה", חברים וואס זענען געזעסן און געלערנט דארף נאר מפסיק זיין צו קריאת שמע און נישט צו דאווענען". זאגט רבי יוחנן "לא שנו אלא רשב"י וחבריו שתורתם אומנתם", די הלכה אז מ'דארף נישט מפסיק זיין צום דאווענען איז נאר געזאגט געווארן ביי רשב"י און זיינע חברים וואס די תורה דאס איז זייער פאך, און אויסער דעם האבן זיי נישט קיין באשעפטיגונג, אבער אנדערע וואס האבן נישט די מדריגה דארפן זיך יא אפשטעלן אפילו צום דאווענען.

**אין** אבות (פ"ב משנה י"ח) האט רבי שמעון אנגעזאגט "הוי זהיר בקריאת שמע ובתפילה, וכשאתה מתפלל אל תעש תפילתך קבע, אלא רחמים

ותחנונים לפני המקום". ווי אזוי רשב"י האט אנגעזאגט ווי אזוי עס דארף אויסזעהן אן עבודת התפילה.

**אין** ירושלמי (ברכות פ"א ב') ווערט געברענגט מורא'דיגע ווערטער וואס רשב"י האט געזאגט "ווען איך וואלט ווען געשטאנען ביים בארג סיני בשעת ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן, וואלט איך ווען געבעטן פונעם אייבערשטן אז ער זאל באשאפן פאר א מענטש צוויי מיילער, איינס מיט וואס מ'זאל עוסק זיין בתורה, און א צווייטע מיט וואס ער זאל בעטן אלע זיינע געברויכן ביים דאווענען. אבער ער האט ווידער געזאגט "אויב ווען א מענטש האט איין מויל קען ער זיך נישט צוריק האלטן און באהערשן פון צו רעדן לשון הרע, ווען ער וועט האבן צוויי מיילער וועט ער זיך דאך זיכער נישט קענען איינהאלטן, ממילא איז דאס נישט כדאי".

**דער** מדרש (דברים רבה פ"ד ב') ברענגט א דרש פון רבי שמעון "עס שטייט אין פסוק (דברים י"א כ"ב) כי אם שמור תשמרון, אזוי זאגט דער אייבערשטער פארן מענטש, מיין תורה ליגט ביי דיר אין די הענט, און דיין נפש ליגט ביי מיר אין די הענט, אויב ווערסטו אפהיטן מיינס, וועל איך אפהיטן דיינס, אויב ווערסטו פארלירן מיינס וועל איך פארלירן דיינס"...

**אסאך** שטארקע דיבורים האט רשב"י גערעדט כדי צו מחזק זיין דעם עמוד התורה ביי אידישע קינדער, און אז זיי זאלן נישט נאכלאזן פון לערנען און שטייגן אלס מער במעלות התורה. ווי דער ירושלמי ברענגט זיין דרש "אם ראית את הבריות שנתייאשו ידיהם מן התורה עמוד והחזק בה", אויב זעהסטו מענטשן וואס זיי ווערן שוואך און מיואש פון תורה שטיי אויף און האלט זיך שטארק אן דערין, און ער האט גע'דרש'ענט דעם פסוק "עת לעשות לה' הפרו תורתיך, אויב עס איז א מצב פון 'הפרו תורתיך', עס איז דא א שוואכקייט צו לימוד התורה, דעמאלטס 'עת לעשות לה'', דארף מען טוהן פארן אייבערשטנס וועגן און דאס מחזק זיין.

**אזוי** אויך לערנען מיר די משנה אין אבות וואס רבי שמעון האט געזאגט (אבות פ"ג ב') "שלשה שאכלו על שולחן אחד ואין ביניהם דברי תורה כאילו אכלו מזבחי מתים". דריי מענטשן וואס עסן ביי איין טיש און עס ווערט נישט גערעדט צווישן זיי קיין דברי תורה איז ווי זיי וואלטן געגעסן פון זבחי מתים".

**רשב"י** פלעגט אסאך מוסר זאגן פאר אידישע קינדער, און ער האט זיי אנגעוויזן אויף די סיבות וואס האבן גורם געווען די צרות און די שווערע צייטן וואס זענען געקומען אויף זיי.

**אין** פתיחתא דאיכא (רבתי) טרעפן מיר מורא'דיגע ווערטער פון רבן שמעון "אויב דו זעהסט אז עס זענען דא שטעט וואס זענען אויסגעריסן געווארן פון זייער ארט אין ארץ ישראל, זאלסטו וויסן אז דאס האט פאסירט ווייל זיי האבן נישט אויסגעהאלטן מיט קיין שכר פון סופרים, און דעם שכר פון מלמדים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין (ירמי' ט) "על מה אבדה ארץ, על עזבם את תורתי". און ער האט געלערנט מיטן פאלק אז מ'זאל לערנען תורה, מ'זאל נעמען מלמדים וואס זאלן לערנען מיט די קינדער, און מ'זאל משמש זיין תלמידי חכמים און אויפהייבן דעם כבוד התורה צווישן אידישע קינדער, וואס אין דעם איז תלוי דער בנין הבית און דער כבוד פון ירושלים עיה"ק.

**מ'זעהט** פון די ווערטער וואס ער האט געזאגט און געלערנט, ווי אזוי ער האט אויפגענומען דעם מצב אין וואס די חכמי ישראל האבן דעמאלטס געלעבט, און ווי אזוי ער האט מעודד געווען, מעורר געווען, און מזרז געווען זיינע תלמידים אז זיי זאלן נישט נאכלאזן, נאר כסדר גיין ווייטער און ווייטער בעמל התורה וביגיעת התורה, און זיך נישט אפשטעלן פאר קיין שוועריגקייטן.

## ידע כל תעלומות

**דערציילן** חכמינו ז"ל (מדרש ויק"ר פל"ד י"ב) א מעשה וואס איז געווען "מעשה שהיה ישן בליל ראש השנה", רבן שמעון בן יוחאי איז געשלאפן ראש השנה ביינאכט און ער האט געזעהן אין חלום ווי בני אחותו, זיינע נאנטע משפחה מיטגלידער וועלן געפאדערט ווערן פון די מלוכה זעקס הונדערט דינרים.

**איז** ער געגאנגען צו זיינע קרובים און ער האט זיי געצווינגען אז זיי מוזן ווערן גבאי צדקה, און זיי זאלן געבן געלט פאר די עניים. ווען זיי האבן געהערט דעם פסק זענען זיי געווארן זייער באזארגט, ווייל זיי האבן דאס נישט געהאט, און זיי האבן געפרעגט פון רשב"י "פון וואו וועלן מיר נעמען דאס געלט?".

**האט** זיי רשב"י געזאגט "איר זאלט דאס אויסגעבן פון אייער געלט, און איר זאלט אפשרייבן געווי דעם חשבון וויפיל דאס האט אפגעקאסט, און אויב עס וועט זיך ארויסשטעלן ביז סוף יאר אז עס פעלט אייך, און איר האט נישט צוריק אפגעמאכט דאס געלט, דעמאלטס וועל איך דאס משלים זיין, און איך וועל ענק דעקן ענקער שאדן".

**עס** איז געקומען סוף יאר האט מען זיי פאר'מסר'ט פאר די ממשלה, און עס איז געווען אין יענע צייט ווען זיי האבן עוסק געווען אין זייערע געשעפטן וואס איז געווען מיט זיידן, וואס דאס איז געווען פארבאטן מטעם הממשלה, איז דעמאלטס אנגעקומען צו זיי איינער פון די מלוכה, און ער האט זיי געזאגט "איר האט צוויי ברירות, אדער וועט איר פון אייער סחורה אהערשטעלן א בגד וואס זאל זיין א הערליכע שיינע זאך פאר די מלכות, אז דער קיסר זאל קענען געניסן דערפון, אדער וועט איר יעצט באצאלן פאר די עבירה וואס איר האט דא יעצט געהאנדלט קעגן דעם דין, גאנצע זעקס הונדערט דינרים".

**דער** שר פונעם מלך האט זיי גענומען און ער האט זיי איינגעשפארט אין א פינסטערן צעל.

**ווען** רבן שמעון בן יוחאי האט דאס געהערט איז ער געגאנגען צו זיי און ער האט זיי געפרעגט "וויפיל געלט האט איר אויסגעגעבן פאר צדקה?", האבן זיי אים געזאגט "מיר האבן דאס אפגעשריבן, און דא האט איר דאס צעטל וואס מיר האבן אפגעשריבן איבער די אלע פרטים אזוי ווי איר האט אונז געהייסן".

**רשב"י** האט אנגעהויבן צו ליינען דעם בריוו און ער האט געזעהן אז עס שטימט, און זיי האבן טאקע אויסגעגעבן פאר צדקה געווי דעם סכום פון זעקס הונדערט דינרים, עס האט געפעלט זעקס דינרים.

**האט** זיי רשב"י געזאגט "לייגט צו נאך זעקס דינרים און איך נעם ענק ארויס פון דא".

**זי** האבן זיך אנגעקוקט און געוואונדערט אויף זיינע ווערטער, "האט איר געזעהן דעם זקן, מען פאדערט פון אונז דא 600 דינרים, און דו זאגסט אז פאר זעקס רובל נעמסטו אונז ארויס פון דא?", האט ער זיי געזאגט "וואס גייט אייך אן ווי אזוי איך וועל דאס מאכן, איך זאג אייך איבער מיינע ווערטער, גיט מיר זעקס דינרים".

**זיי** האבן אים געגעבן די זעקס דינרים, און רשב"י איז געגאנגען און ער האט געגעבן דאס געלט שוחד פאר דעם זקן אז ער זאל נישט אויסזאגן דעם סוד פאר די מלוכה, און ער האט זיי ארויסגענומען פון דארט.

**ווען** די משפחה מיטגלידער האבן צוזאמען געשטעלט דעם חשבון, און זיי האבן געזעהן אז עס איז אויסגעקומען גענוי 600 דינרים, האבן זיי אים געפרעגט "עס איז מעגליך אז דו האסט פון פאראויס געוואוסט וואס עס וועט זיין מיט אונז, און צוליב דעם האסטו דאס געטון?", האט זיי רבי' שמעון געזאגט "כ'זאג אייך מיט א שבועה, איך האב שוין געוואוסט פון ראש השנה ביינאכט אז מ'וועט פון ענק אוועק נעמען זעקס הונדערט רובל".

**האבן** די קרובי המשפחה אים געפרעגט "פארוואס האסטו אונז דאס נישט געזאגט פאראויס, אזוי וואלטן מיר ווען געוואוסט צו געבן אויך די זעקס רובל פאר צדקה, און מיר וואלטן פארשפארט די גאנצע עגמ"נ פון ווערן איינגעשפארט".

**האט** זיי רשב"י געזאגט "און ווען איך וואלט ענק ווען יא געזאגט פון פאראויס וואלט איר מיך דען ווען געגלייבט, ממילא האב איך מחליט געווען אז איך זאג גארנישט, און איך האב אינזינען געהאט אז איר זאלט מקיים זיין די מצוה לשמה".

## יכול לפטור העולם

**אין** מדרש (שמו"ר פנ"ב ג', ועי' עוד בס' הדורות) ווערט דערציילט עס איז געווען מיט א תלמיד פון רשב"י וועלכער איז ארויסגעפארן קיין חוץ לארץ, ער האט דארט עוסק געווען אין פרנסה, און ער איז צוריק געקומען אלס עושר, און די תלמידים האבן אין געזעהן און זיי האבן אים מקנא געווען אויף זיין הצלחה, און זיי האבן אויך געוואלט גיין טוהן אין פרנסה, און אוועקפארן פון ארץ ישראל כדי צו מאכן געשעפטן.

**רשב"י** האט דאס מרגיש געווען ברוח קדשו וואס עס טוט זיך אפ אין די מחשבות פון זיינע תלמידים, האט ער זיי אלע ארויסגעברענגט צו א טאל נעבן מירון, און ער האט מתפלל געווען א תפילה און אויסגערופן "טאל טאל, ווער אנגעפולט מיט גאלדענע דינרים". אין יענע מינוט האט זיך די טאל אנגעפולט מיט גאלדענע דינרים.

**האט** זיך רשב"י אנגערופן צו זיינע תלמידים "אויב איר דארפט גאלד נעמט גאלד וויפיל איר ווילט".

**אבער** די תלמידים האבן גוט געוואוסט פון וואו דאס גאלד קומט, און וואס עס איז דער פרייז דערפון, אז ווער עס נעמט יעצט דער נעמט זיין חלק לעולם הבא, ווייל עס איז נישטא קיין שכר התורה נאר אויף יענע וועלט".

**רבן** שמעון בן יוחאי האט שטארק גערעדט בשבחן של ישראל, און ער האט דאס אנגענומען אזוי אויך להלכה ולמעשה, ווי צום ביישפיל אין מס' שבת (דף קי"א ע"א) איז רשב"י מתיר אז אלע אידן מעגן שמירן זייערע וואונדן מיט שמן וורד, כאטש דאס איז זייער טייער און דאס ווערט געוואנליך באנוצט דורך בני מלכים, ווייל "כל ישראל בני מלכים" גאנץ כלל ישראל האט א דין ווי בני מלכים.

**אז** מ'איז מעיין אין די ווערטער וואס רבן שמעון בן יוחאי האט געזאגט, ווי אזוי ער האט אויסגעטייטשט מקראי קודש, און ער האט דאס געלערנט מיט אידישע קינדער פארגלייכנדיג דאס צו די נסיונות פון יענעם דור, זעהט מען ווי אזוי עס איז געווען זיין התנהגות ווי אן אב הרחמן וואס האט אינזינען געהאט אידישע קינדער, אין די זעלבע צייט וואס ער האט זיי געגלעט און מחזק געווען האט ער זיי געזאגט שארפע דברי מוסר אז זיי זאלן זיך פירן אין די ערליכע וועגן, ווי אזוי ערליכע אידן דארפן גיין בדרכי התורה.

**מיר** וועלן דא ברענגען עטליכע פון די מוסר ווערטער וואס רשב"י האט געזאגט בשעתו פאר אידישע קינדער במעלתן ובשפלותם.

**אין** מדרש (ויק"ר פי"ג ב') איז דא א מימרא פון רשב"י וואס דרש'ענט דעם פסוק אין חבקוק (ד' ו') עמד וימודד ארץ ראה ויתר גוים, טייטשט ער אז דער אייבערשטער האט געזעהן און ער האט אפגעמאסטן אלע אומות העולם, און ער האט נישט געטראפן קיין איין אומה וואס זאל קענען ראוי זיין צו מקבל זיין די תורה נאר דער דור המדבר, דער רבש"ע האט אפגעמאסטן אלע בערג, און ער האט נישט געטראפן קיין שום בארג אויף וועמען צו געבן די תורה נאר אויפן בארג סיני, דער אייבערשטער האט אפגעמאסטן אלע לענדער און ער האט נישט געטראפן קיין איין לאנד וואס מ'זאל קענען געבן פאר אידישע קינדער נאר ארץ ישראל".

**ווידער** ביי די דברי מוסר וואס מיר באגעגענען פון רשב"י דערציילט דער מדרש (ויק"ר י"ח ד') ווי רשב"י האט געזאגט פאר אידישע קינדער "ווען אידישע קינדער זענען געשטאנען ביים בארג סיני, און זיי האבן געזאגט 'כל אשר דיבר ה' נעשה ונשמע', אין יענע מינוט איז נישט געווען צווישן זיי קיין איין זב און קיין מצורע, נישט קיין הונקענדיגע און נישט קיין בלינדע, נישט קיין שטימע און נישט קיין טויבע, און אויף יענע שעה זאגט דער פסוק (שה"ש ד' ז') "כולך יפה רעיתי ומום אין בך". ווי נאר די אידן האבן געזינדיגט איז נישט אריבער מער ווי געציילטע טעג ביז ווען מ'האט געטראפן צווישן זיי זבים ומצורעים, און אויף יענע צייט זאגט דער פסוק "וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש, און עס האט זיך געטראפן צווישן זיי אלע סארט שווערע מחלות און ווייטאגן".

**ווי** דער מדרש ברענגט ווייטער פון רבן שמעון בר יוחאי ווי ווייט דאס גאנצע כלל ישראל איז ווי איינס, און ווען איין איד זינדיגט דאן שפירט דאס יעדער איינער, א משל צו מענטשן וואס זענען געזעסן אינאינעם אויף א שיף, איינער פון זיי האט גענומען א בארער (דרילער) און ער האט אנגעהויבן צו מאכן א לאך, האבן אים זיינע חברים געזאגט, וואס טוסטו דא?", האט ער געענטפערט "וואס איז דאס ענקערע געשעפטן? איך מאך דאך מיין לאך נאר אונטער מיין פלאץ, און עס האט מיט ענק נישט קיין שייכות, האבן זיי איהם געזאגט "שוטה, אז דו מאכסט א לאך אפילו נאר אויף דיין פלאץ קומט ארויף דאס וואסער און אלעס ווערט פארפלייצט". די זעלבע זאך האט ער דאס צוגעשטעלט צום אחריות וואס אידישע קינדער טראגן איינער פארן צווייטן.

## מתורתו של רבי שמעון למדנו

**שטארקע** דברי מוסר והדרכה וואס רבן שמעון בן יוחאי האט כסדר מזהיר געווען אידישע קינדער ווי אזוי זיך צו פירן ברענגען חכמינו ז"ל אין זיין נאמען.

**אין** מס' בבא מציעא (דף מ"ח ע"א) טרעפן מיר די מימרא פון רשב"י "מי שפרע מאנשי דור המבול ומאנשי דור הפלגה ומאנשי סדום ועמורה, וממצרים בים, הוא עתיד לפרע ממי שאינו עומד בדיבורו", ווי מיר זעהן ווי ווייט און ווי שטרענג רשב"י איז געגאנגען ביז ווען ער האט מתקן

געווען אזא שארפן לשון וואס זאל געזאגט ווערן אויף איינעם וואס ער שטייט נישט ביי זיין דיבור און ער האלט נישט אין וואס ער האט געזאגט.

**אזוי** אויך בעניני מידות שבין אדם לחבירו זעהן מיר ווי רשב"י איז געווען זייער שארף, און אין מס' נדה (דף ט"ז ע"ב) ברענגען חכמינו ז"ל אז רשב"י האט געזאגט "נח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים", אז עס איז ליבערשט א מענטש ער זאל זיך אליינס אריינווארפן אין א קאלעך אויוון אין ער זאל נישט פארשעמען זיין חבר ברבים, וואס מען האט דאס ארויסגעלערנט פון די מעשה פון תמר, ווען זי איז גרייט געווען אז מ'זאל איר פארברענגען צוליב א חשד, און זי איז דאך נישט גרייט געווען צו פארשעמען יהודה.

**דאס** זענען געווען די הוראות וואס רשב"י האט געלערנט מיט כלל ישראל זייענדיג זייער רבי אויף טריט און שריט, ער איז געווען דער רבי און דער מורה דרך, ער האט געזאגט וואס צו טוהן אויף טריט און שריט סיי ווען עס האט זיך געהאנדלט אין עניני הלכה, סיי בענינים שבין אדם לחבירו און סיי ווען עס איז געווען בענינים שבין אדם למקום, איבעראל האט ער געגעבן זיינע הוראות און אנווייזונגען און ער האט מדריך געווען דעם כלל ישראל אויף טריט און שריט, און אלע זענען געווען סרים למשמעתו אויף א גאר שטארקן פארנעם.

**אין** מס' ברכות (דף ל"א ע"א) באגעגנען מיר ווי רשב"י זאגט "אסור לאדם שימלא פיו שחוק בעולם הזה", אויף די וועלט איז אסור פאר א מענטש צו לאכן מיט א פולן מויל.

**רבי** יוחנן האט נאכגעזאגט בשם רשב"י אז ווען אידן וואלטן ווען געהאלטן צוויי שבתים וואלטן זיי באלד אויסגעלייזט געווארן פון גלות (מס' שבת דף קי"ח ע"ב). ווען אידישע קינדער זענען געשטאנען ביים בארג סיני האט דער אייבערשטער געזאגט "געדענקט דאס וואס איך האב געזאגט פאר שבת "כנסת ישראל, דאס איז דיין בת זוג".

**ווידער** זעהן מיר ווי רשב"י האט געפאדערט פון אידישע קינדער אז זיי זאלן זיך מחזק זיין אין יראת שמים, מען זאל לעבן מיטן אייבערשטן, ווי מ'שטייט און ווי מ'גייט זאל מען געדענקען פונעם אייבערשטן און מען זאל פון אים מורא האבן.

**אמר** רבי חנינא משום רבן שמעון בן יוחאי "אין לו להקב"ה באוצרו אלא אוצר של יראת שמים בלבד", דער אייבערשטער האט נישט אין זיין אוצר, נאר אן אוצר פון יראת שמים אליין, אזוי ווי דער פסוק זאגט (ישעי' ל"ג ו') "יראת ה' היא אוצרו".

**מיר** טרעפן אויך אין מס' ברכות (דף ל"ג ע"ב) וואס רשב"י האט געזאגט "קשה תרבות רעה בתוך ביתו של אדם יותר ממלחמת גוג ומגוג". אז די וויכטיגע זאך וואס א מענטש דארף זעהן איז אז ביי זיך אין שטוב זאל אלס זיין רוהיג און א צופרידענע אטמאספערע, ווייל ווען דאס איז נישטא איז דאס ארגער פון דאס ארגסטע.

**רבן** שמעון בן יוחאי האט געלערנט מיט אידישע קינדער ווי אזוי זיך צו פירן און ווי אזוי זיך צו פארמעסטן מיט יעדע געלעגענהייט און מיט יעדע שוועריגקייט וואס קומט אונטער, און קיינמאל טאר נישט זיין קיין מציאות אז א איד זאל זיך ערלויבן צו זיין א מהרהר אחרי מידותיו יתברך.

**ער** האט געזאגט איבער דעם א משל ווען א מלך בשר ודם האט געבויעט א פאלאץ, און עס זענען געווען מענטשן וואס האבן געזעהן דעם פאלאץ האבן זיי אנגעהויבן צו זאגן מבינות ווי שענער וואלט געווען דאס פלאץ ווען די זוילן וואלן געווען גרעסער, ווי אנדערש וואלט געווען דאס פלאץ ווען די ווענט וואלטן געווען העכער, ווען די דאך העכער, און אזוי לאזן זיי זיך הערן מיינונגען יעדער איינער לויט ווי ער פארשטייט אז דער קעניגליכער פאלאץ וואלט ווען געדארפט געבויעט ווערן. אזוי זעהט אויס ווען עס קומט א מענטש און ער האט מיינונגען, ווען איך וואלט ווען געהאט דריי אויגן מיט דריי פיס וואלט איך ווען שענער אויסגעזעהן". אזוי קען א מענטש נישט פארשטיין, און אוודאי נישט אריינרעדן און זאגן מיינונגען איבער דעם אופן פון השגחת הבורא בעולמו, און ווי אזוי דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט זיין וועלט ווי אזוי ער פירט זיין וועלט (עי' במדרש ב"ר פי"ב א').

**אין** מס' סוכה (דף ל' ע"א) זעהן מיר אויך פון די ווערטער וואס רשב"י האט געזאגט און מעורר געווען איבער די התנהגות שבין אדם לחברו, ווען ער האט מסביר געווען די ווערטער פונעם פסוק (ישעי' ס' ח') "כי אני ה' אוהב משפט שונא גזל בעולה", מיט א משל צו א מלך וואס ווען ער פארט אריבער פון איין שטאט צו די צווייטע, און ער גייט אריבער דאס ארט וואו מ'דארף באצאלן שטייערן זאגט ער פאר זיינע

באגלייטער אז מ'זאל צאלן די שטייערן, ווען זיי וואונדערן זיך, פארוואס דארף דער קעניג צאלן שטייערן, סיי ווי קומט דאך די אלע געלטער אן צום אוצר המלוכה, איז ער דאך זיכער פטור פון באצאלן, ענטפערט דער מלך, אויב איך וויל אז די מענטשן זאלן זיין ערליך און זיי זאלן באצאלן די שטייערן דארף איך זיין דער סימבאל דערפאר, און אז זיי וועלן זעהן ווי איך באצאל שטייערן וועלן זיי זיך לערנען פון מיר און זיי וועלן נישט פרובירן צו אויסשפילן דעם סיסטעם, און נישט באצאלן.

**אזוי** אויך זאגט דער רבש"ע "אני ה' שונא גזל בעולה", איך האב פיינט ווען מען ברענגט פאר מיר א קרבן פון גזל, כאטש וואס די גאנצע וועלט איז מיינס, און עס איז נישט שייך קיין גזל ווען מ'ברענגט דאס צו מיר, דאך וויל איך אז מ'זאל זיך פון מיר לערנען אז מ'טאר נישט גנב'ענען און מען דארף זיך אימער פירן מיט ערליכקייט און מיט יושר".

## איני חפץ אלא בך!

**אין** מדרש (שה"ש רבה פ"א עה"פ נגילה ונשמחה בך) ווערט דערציילט שיינע מעשה איבער רשב"י:

**עס** איז געווען א פאר-פאלק אין צידון וואס האבן געוואוינט אינאיינעם איבער צען יאר און זיי זענען ליידער נישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער, זענען זיי געקומען צו רשב"י, און זיי האבן געזאגט אז אזוי ווי זיי האבן נאכנישט מקיים געווען מצות פרו ורבו, ווילן זיי זיך גט'ן.

**האט** זיי רשב"י געזאגט "אמת, איר זאגט זייער ריכטיג, אבער, אזוי ווי ווען איר האט חתונה געהאט איז דאס צוגעגאנגען מיט א שמחה, מ'האט געמאכט א גרויסע סעודה, און מען האט גערופן געסט וואס זאלן זיך מיטפרייען מיט די שמחה, אזוי אויך יעצט ווען איר ווילט זיך צוטיילן דארף דאס אויך זיין אויפן זעלבן אופן, איר זאלט לאדענען געסט וואס זאלן קומען אנטייל נעמען אין די סעודה, דאס זאל צוגיין נישט אנדערש ווי עס איז געווען ביי אייער חתונה".

**כאטש** די ווערטער האט אויסגעקוקט זייער אינטערעסאנט האבן זיי אבער מקבל געווען די ווערטער פון רשב"י, און זיי האבן צוגעגרייט די גרויסע סעודה און איינגעלאדענט מערערע געסט צו די סעודה ווי זיי האבן צוגעשטעלט א גרויסע סעודה ווי דער עולם האט געגעסן און

געטרונקען, און די פרוי האט זיך געזארגט אז דער מאן זאל טרינקען אסאך וויין, ביז ווען ער איז געווארן שטארק שיכור.

**וויילאנג** דער מאן איז נאך געווען ביי זיך האט ער זיך אנגערופן צו די פרוי און ער האט איר געזאגט "מיין טאכטער, קוק זיך אים איבערן שטוב, און קענסט זיך אויסוועלן דאס בעסטע חפץ וואס געפעלט דיר און טראג דאס מיט דיר ווען דו גייסט צוריק צו דיין טאטנס שטוב".

**די** פרוי האט געווארט ביז ווען דער מאן איז טיף איינגעשלאפן אין זיין שכרות, און זי האט דאן באפוילן פאר אירע קנעכט און דינסטן אז זיי זאלן אים אויפהייבן מיטן בעט און אריבערטראגן צו איר טאטן אין שטוב...

**עס** איז געווען האלבע נאכט ווען דער מאן וועקט זיך אויף פון שלאף און ער קוקט זיך אים ווי ער געפונט זיך.... (דער מגיד רבי יענקעלע גאלינסקי ז"ל פלעגט מיט זיין הומאר שילדערן די מעשה פון מדרש, "ער קוקט מיט שרעק "וואו בין איך דא?! ביים שווער אין שטוב?! אין די גוטע יארן האב איך נישט ליב געהאט צו קומען אהער, אוודאי יעצט ווען איך האב זיך שוין געג'גט...)

**פרעגט** ער זיין פרוי "בתי, מיין טאכטער, וואו בין איך דא?! האט זי געזאגט "ביי מיין טאטן אין שטוב", ער פארשטייט נישט "וואס האב איך דא פארלוירן ביי דיין טאטן אין שטוב?! האט זי אים געענטפערט "האסטו דען מיר נישט אזוי געזאגט נעכטן נאכט, אז איך זאל איבערגיין און קוקן אין שטוב דעם בעסטן חפץ וואס איך וויל האבן זאל איך מיטנעמען מיט מיר ווען איך גיי צו מיין טאטנס שטוב, "אין לי חפץ אלא בך", איך האב נישט עפעס אנדערש און איך האב נישט עפעס בעסערס וואס איך דארף נאר דיר".

**"זענען** זיי ביידע אריבערגעגאנגען צו רבן שמעון בן יוחאי און זיי האבן אים דערציילט אז זיי האבן געטון געוני ווי אזוי ער האט געהייסן, און זיי האבן געמאכט די סעודה, און אלעס איז געווען ווי ער האט אנגעוויזן, אבער ווען עס זענען געקומען צו די רעזולטאטן, האלטן זיי זיך נישט ביים צוטיילן, ווען די פרוי האט דא געטון אזא מעשה".

**האט** זיך רשב"י אויפגעשטעלט און ער האט מתפלל געווען פאר זיי, און זיי זענען געהאלפן געווארן מיט זש"ק.

**פון** די מעשה האט ער אבער ארויסגענומען א מורא'דיגן מוסר השכל אויף עבודת ה', והרי הדברים קל וחומר, מה-דאך ווען עס איז

געקומען צו אן ענין וואס איז צווישן מענטשן, דורכדעם וואס איין מענטש האט געזאגט צו א צווייטן מענטש זיינס גלייכן "אין לי חפץ טוב בעולם יותר ממך", זענען זיי געהאלפן געווארן און זיי זענען נפקד געווארן מיט זש"ק, איז דאך א ק"ו מיט אידישע קינדער וואס זיי קוקן ארויס און זיי האפן יעדן איינציגן טאג אויף ישועת ה', און זיי זאגן פארן הייליגן טאטן אין הימל "אין לנו חפץ טוב בעולם אלא אתה", איז על אחת כמה וכמה אז זיי דארפן קענען פועל'ן ביים טאטן אין הימל אלעס וואס זיי ווילן, און דער אייבערשטער וועט זיכער ממלא זיין זייערע בקשות".

## דער מצב הגשמי פארבעסערט זיך

**אין** יענע תקופה איז שוין געווען דער קיסר אין רוים אנטונינוס קיסר, וואס ער איז בכלל נישט געווען קיין שונא ישראל, און ער האט נישט געזוכט שווער צו מאכן אויף די אידן מיט גארנישט. אזוי אז אפילו ער האט נישט געקענט צוריק דרייען דאס רעדל פון איין מינוט אויף די צווייטע, און ער האט נישט געקענט אריינברענגען קיין איבריגע אהבה פון די רוימיים צו די אידן, האט ער אבער גארנישט געטון מוסיף צו זיין קיין שנאה, און מיט די צייט האבן זיינע שרים אנגעהויבן צו באמערקן אז זייער נייער קיסר איז זייער ווייט פון שנאת ישראל, און ער האט נישט דערין קיין שום אינטערעסע, און דאס האט אויף זיי אלע געהאט א שטארקע השפעה לטובת די אידן.

**די** חכמים האבן געהאט א גוטע געלעגענהייט אין יענע צייטן צוריק צו באנייען און מחזק זיין די עמודי התורה וואס זענען געווען שוואך, און זיי האבן באלד מסדר געווען ישיבות, די רבי'ס זענען געזעסן און געלערנט מיט זייערע תלמידים. כאטש וואס דאס איז באמת געווען עפעס וואס האט זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט, און אויך אין די שווערסטע צייטן האט זיך דאס הרבצת התורה נישט אפגעשטעלט, און די מסורה מרב לתלמיד איז געווען אויך בתוך הדחק אונטער די שווערסטע אומשטענדן, דאך איז דאס נישט קיין פארגלייך צו יענע צייטן ווען זיי האבן געהאט אן הרחבה, און די רוימיים האבן נישט עקסטער פארשווערט זייער עול און זיי האבן געלאזט די אידן פריי אפאטעמען.

**אין** יענע צייט האבן די רוימיים אויך זיך אנגעהויבן אומקוקן אויפן מצב הגשמי אין ארץ ישראל, דאס וואס במשך די אלע שווערע יארן פון די מלחמות האבן זיי חרוב געמאכט דאס לאנד פון פראקטישן זין, און

במשך צענדליגער יארן האבן זיי זיך קיינמאל נישט געקימערט דערמיט, און נישט געטון גארנישט צו געבן דאס לאנד א געהעריג געשטעל, האבן זיי יעצט אנגעהויבן צו טועהן פעולות אהערצושטעלן דאס לאנד אז עס זאל טראגן א נארמאל פנים.

**די** רוימיים האבן אין יענע צייט פאררעכטן בריקן וואס זענען צושטערט געווארן, זיי האבן מסדר געווען די וועגן וואס זענען געווען חרוב און צושטערן, און זיי האבן צוגעשטעלט די געברויכן פאר די מאסן אויף א שיינעם אופן, אזוי ווי די רוימיים האבן טאקע געקענט, וואס דאס האט געברענגט א פרישקייט פאר די איינוואוינער וואס האבן אין די אלע פעולות געזעהן א צייכן אז די אלע שווערע צייטן זענען שוין א פארגאנגענהייט, און מען קען זיך רישן אז עס הייבן אן צו בלאזן נייע ווינטן, און פון היינט און ווייטער וועט שוין זיין אך טוב וחסד און זיי וועלן מער נישט וויסן פון קיין צרות און מיטמאכענישן.

**אויך** האבן זיי אויפגעבויעט הערליכע שיינע בעדער, און אלע וועגן און שטעגן וואס זענען צושטערט געווארן אין לויף פון די יארן זענען יעצט פאררעכטן געווארן, די סחורים און געשעפטסלייט האבן געטראפן פאסיגע ערטער וואו זיי זאלן קענען אפהאלטן א מארק צו האנדלען און וואנדלען, וואס דאס האט פאר זיי געדארפט קענען אריינברענגען א שיינע הכנסה אין שטייערן, און דאס האט געברענגט אז די אידן האבן זיך צוריק געקערט צו זייער ארבעט און צו זייערע ערייכונגען.

## רבי שמעון לשיטתי': הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב

**אבער** אפילו אין יענע צייטן ווען טייל אידן האבן שוין געוואלט אננעמען אז עס איז א נייער מציאות און עס איז שוין גוט און לעכטיג פאר אידן, האט רבן שמעון בן יוחאי געזאגט "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב" (ספרי בהעלתך ס"ט). און אפילו ווען דער גוי זעהט אויס גוט צום איד, ער שלאגט זיך נישט מיט איהם און ער טיילט אים נישט אויס קיין באזונדערע צרות, מיינט דאס נאך ווייט נישט אז ער האט אים ליב און אז ער איז גוט מיט אים, נאר די שנאה וועט אלעמאל בלייבן אינעווייניג אינעם גוי, און ווען ער וועט האבן די מעגליכקייט וועט ער איהם זוכן צו קענען שטערן און וויי טון.

**אין** יענע תקופה איז זיך פארלאפן די בארימטע מעשה וואס חכמינו

ז"ל דערציילן אין מס' שבת (דף ל"ג ע"ב) ווען עס זענען געזעסן אינאיינעם רבי יהודה ברבי אילעי, רבי יוסי, רבי שמעון, און נעבן זיי איז געזעסן יהודה בן גרים.

**האט** זיך רבי יהודה אנגערופן מיט התפעלות פון די באציאונג פון די רוימיים צו די אידן: "כמה נאים מעשיהם של אומה זו, ווי שיין זענען די מעשים פון דעם פאלק, תקנו שווקים, תקנו גשרים, תקנו מרחצאות", זיי האבן אויפגעבויעט גאסן, בריקן, בעדער, עס איז ווידער שיין אלעס וואס זיי האבן דא אהערגעשטעלט פארן וואוילזיין פון די איינוואוינער.

**רבי** יוסי האט געשוויגן, און ער האט גארנישט רעאגירט.

**האט** זיך רשב"י אנגערופן "עס איז נישט ריכטיג, כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמם, אלעס וואס זיי האבן נאר געטון האבן זיי דאס געטון פאר זייערע אייגענע אינטערעסן, דאס וואס זיי האבן געמאכט שיינע גאסן און מארק-פלעצער איז געווען אז זיי זאלן האבן וואו צו פראקטיצירן זייערע אויסגעלאסנהייטן, די בעדער וואס זיי האבן געמאכט איז מיטן ציהל זיך צו קענען אליינס נאכגעבן זייערע פארגעניגנס, און די בריקן איז אוך נאר פארן ציהל צו קענען אפמאנען שטייערן אז זיי זאלן קענען פארדינען זייער געלט.

**יהודה** בן גרים וואס האט מיטגעהאלטן דעם שמועס האט דאס דערציילט ווייטער, פאר זיינע תלמידים אדער פאר זיינע עלטערן, און עס



איז ווייטער געגאנגען די ווערטער איש מפי איש ביז ווען עס איז אנגעקומען צו די אויערן פון דאס מלכות, זיי האבן באקומען די גענויע אינפארמאציע יעדער האט וואס געזאגט אויף זייער חשבון.

**האבן** זיי ארויסגעגעבן א באפעל: רבי יהודה וואס האט געזאגט גוטע ווערטער זאל דערהויבן ווערן. רבי יוסי וואס האט געשוויגן און ער האט זיך נישט אנגענומען זאל פארטריבן ווערן קיין ציפורי, וואס ער קומט דאך פון דארט (עי' ב"מ דף פ"ד) און ער זאל מער נישט ארויסקומען פון דארט. (די גזירה איז טאקע אויסגעפירט געווארן, און פון די תקופה פון די גזירה איז רבי יוסי אפגעריסן געווארן פון זיינע חברים די חכמים און ער האט זיך מער נישט מיט זיי משתעשע געווען בדברי תורה אינאיינעם).

**די** דריטע און הארבסטע גזירה איז געווען אויף שמעון וואס ער האט זיי בארעדט אז ער זאל גע'הרג'עט ווערן.

**ווי** נאר די שמועה איז אנגעקומען צו די אויערן פון רבי שמעון איז ער געלאפן מיט זיין זון רבי אלעזר און זיי האבן זיך באהאלטן אין ביהמ"ד. זיין פרוי וועלכע האט געוואוסט פון זיין באהעלטעניש האט אים יעדן טאג געברענגט ברויט מיט א קריגל וואסער וואס דאס האט זיי געגעבן חיות אויפן טאג.

**די** מלכות האט דאך געוואוסט דאס גרויסקייט פון רבן שמעון, און עס איז נישט געווען קיין סוד אז ער איז דער גרעסטער מענטש ביי כלל ישראל וואס יעדער איינער איז סר למשמעתו, און זיי זענען געווען אנטשלאסן צו לייגן אויף אים די האנט און אים באשטראפן למען ישמעו ויראו, און די אידן וועלן זיין מער געווארנט נישט צו רעדן און מזלזל זיין אין די מלוכה, האבן זיי מחליט געווען צו פארשטארקערן די זוכעריי נאך איהם, און טוהן אלעס וואס עס איז נאר שייך אים צו כאפן.

**ווען** רבי שמעון האט דאס געהערט האט ער געזאגט צו רבי אלעזר "מיר קענען מער דא נישט בלייבן, ווייל די מאמע ווייסט דאך וואו מיר זענען, און נשים דעתן קלות, קען אמאל פאסירן אז מ'וועט איר כאפן און זיי וועלן איר פייניגן מיט צרות און יסורים, און זי וועט זיך נישט קענען באהערשן און אנטפלעקן וואו מיר זענען באהאלטן".

**זענען** זיי אוועקגעגאנגען און זיי האבן זיך באהאלטן אין א מערה אין מדבר לוד (זוהר חדש תבא) און עס איז דארט געשעהן א נס ווען דער אייבערשטער האט דארט באשאפן א באקסער בוים, מיט א קוואל

וואסער, וואס פון דעם בוים האבן זיי געגעסן טרוקענע באקסער, מיט טייטלען (מדרש אסתר רבה פ"ג ז'), וואס דאס האט זייער שווער אויסגעווירקט אויף זייער קערפער. אזוי אויך האבן זיי געלעבט פון דאס וואסער וואס זיי האבן געטרינקען פון דעם קוואל וואס איז דארט געעפענט געווארן.

**זיי** האבן פארשטאנען אז זיי וועלן דא דארפן ווילן א לענגערע צייט, און זייערע קליידער קענען אנהייבן צו פוילן, פלעגן זיי בייטאג אויסטוהן זייערע קליידער, און זיי האבן זיך איינגאנצן איינגעדעקט אין זאמד ביזן האלז, און זיי האבן געלערנט א גאנצן טאג די היילגע תורה, און נאר ווען עס איז געקומען דער זמן תפילה האבן זיי זיך אנגעטון די קליידער, און געליינט קריאת שמע (עי' מס' שבת דף ט' ע"א תוד"ה כגון). און נאכדעם האבן זיי זיך צוריק אריינגעזעצט אין זאמד און זיי האבן ממשיך געווען צו לערנען.

**זיי** האבן אין יענע טעג זוכה געווען אז צוויי מאל א טאג איז אליהו הנביא געקומען צו זיי און געלערנט מיט זיי תורה (תיקו"ז בריש הקדמה). און עס איז נישט געווען קיין מענטש אויף די וועלט וואס האט געוואוסט פון זיי, און וואו זיי זענען באהאלטן.

**אזוי** זענען זיי געזעסן אין די מערכה פאר גאנצע צוועלף יאר, ביז ווען אין איינע פון די טעג איז אליהו הנביא געקומען צו גיין, ער האט זיך אוועקגעשטעלט ביים טיר פון די מערה און ער האט אויסגערופן "ווער וועט גיין מודיע זיין פאר בן יוחאי אז דער קיסר איז געשטארבן און די גזירה איז בטל געווארן?".

**ווען** זיי האבן געהערט די ווערטער האבן זיי פארשטאנען אז עס איז געקומען די צייט ארויסצוגיין, זיי האבן זיך אנגעטון די קליידער און זיי זענען ארויס פון די מערה צום ערשטן מאל נאך צוועלף יאר.

**ווי** נאר זיי זענען ארויס געקומען אויף די וועלט, האבן זיי געזעהן זאכן וואס זיי האבן שוין לאנגע יארן נישט געזעהן, זיי האבן געזעהן ווי מענטשן ארבעטן אויף די פעלדער, זיי אקערן, זיי זייען אן, און זיי זענען פארנומען מיט הבלי עולם הזה. מיט זייער גרויסע קדושה האבן זיי דאס נישט געקענט משיג זיין, האבן זיי מיט ווייטאג געזאגט קעגן די מענטשן 'מניחים חיי עולם ועוסקים בחיי שעה', ווייל זיי קענען דאך די זעלבע ארבעט לאזן געטון ווערן דורך גוים, און זיי זאלן קענען אויסנוצן די צייט מיטן זיצן און לערנען (עי' רש"י שם).

**רבי** שמעון איז בעצם געווען א נח לכעוס, און ער האט מקפיד געווען אפילו אויף קליינגקייטן (עי' תוס' מעילה דף י"ז ע"ב ד"ה ואילו) איז פארשטענדליך אז ביטול תורה איז געווען ביי אים א זאך וואס ער האט נישט געקענט דורכלאזן און מוותר זיין דערויף, און ער האט מקפיד געווען דערויף. האט פאסירט אז איבעראל וואו רבי שמעון מיטן זון רבי אלעזר האבן געלייגט די אויגן האט באלד אויסגעבראכן א שריפה און עס איז פארברענט געווארן.

**איז** ארויסגעקומען א בת קול פון הימל וואס האט אויסגערופן "איר זענט ארויסגעקומען פון די מערה כדי צו חרוב מאכן מיין וועלט? גייט צוריק צו אייערע מערות!".

**זענען** זיי צוריק געגאנגען און זיי זענען געזעסן אין הייל נאך צוועלף חדשים, און דאן האבן זיי געזאגט אז "דער משפט פון די רשעים אין גהנם איז י"ב חודש". איז ווידער געקומען א בת קול וואס האט אויסגערופן "גייט ארויס פון הייל", און זיי זענען ווידער ארויסגעגאנגען פון הייל אויף די פרייע וועלט.

**איבעראל** ווי רבי אלעזר האט געקוקט מיט א שארפן בליק, ווייל עס האט אים וויי געטון די מעשי בני אדם, האט רבי שמעון געהיילט, און ער האט געזאגט פאר רבי אלעזר "מיין קינד, עס איז גענוג פאר די וועלט ווען נאר איך מיט דו זאלן זיין אויף דעם עולם און עוסק זיין אין תורה".

## רשב"י קומט ארויס פון די מערה

**עס** איז געווען ערב שבת פארנאכטס ווען רשב"י מיט זיין זון רבי אלעזר האבן געזעהן ווי אן עלטערער איד יאגט זיך אין די גאס ווען ער האלט אין די האנט צוויי גרויסע הדסים, האבן זיי אים אפגעשטעלט און געפרעגט "פארוואס דארפסטו די הדסים?", האט דער איד געענטפערט אז ער האט דאס געקויפט אז ער זאל דאס שמעקן לכבוד שבת. פרעגן זיי "עס איז דיר נישט גענוג איינס?", האט ער געענטפערט "איינס דארף איך האב קעגן 'זכור' און די צווייטע' קעגן 'שמור'".

**האט** רבי שמעון געזאגט פאר רבי אלעזר "זעה ווי אידישע קינדער זענען אזוי ערליך, און ווי שטארק די מצות זענען באליבט אויף זיי", און זיי האבן זיך מיט דעם בארוהיגט אז עס זענען יא דא ערליכע

אידן אויף די וועלט וואס זיי מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן מיט זייער התנהגות.

**דאן** האט ער געזאגט "נלך ונרד בדימוסי טבריי", לאמיר גיין זיך היילן ביי די חמי טבריי.

**ווען** רבי פינחס בן יאיר דער שווער פון רשב"י האט געהערט אז זיין גרויסער איידעם איז ארויסגעקומען פון די מערה, איז ער שנעל געקומען אים מקבל פנים זיין, און ער האט אים אריין געברענגט אינעם בית המרחץ, און רבי שמעון האט געטון פעולות צו אויסגלייכן זיין הויט וואס איז געווען זייער אויסגעשלאגן מיט שווערע און טיפע קנייטשן.






## אשריך שראתנו בכך

**ווען** רבי פינחס בן יאיר האט דאס באמערקט האט אים זייער ווי געטון צו זעהן דעם מצב פון זיין איידעם, און ווי אזוי ער ליידט אזעלכע יסורים, האט ער אנגעהויבן זייער צו וויינען און זיינע געזאלצענע טרערן זענען אראפגעפאלן אויף די וואונדן פון רבי שמעון, וואס האט גורם געווען אז רבי שמעון האט געהאט שטארקע יסורים 'זאלץ אויף די וואונדן'... האט איהם רבי פינחס געזאגט "ווי איז מיר אז איך זעה דיך אין אזא מצב", האט ער אים געענטפערט "וואויל איז דיר אז דו זעהסט מיך אין אזא מצב, ווייל ווען דו זעהסט מיך ווען נישט אים דעם מצב, וואלסטו נישט געטראפן אין מיר דאס וואס איך בין היינט". מיינענדיג צו זאגן אז נאר ווייל ער האט דאס אלעס מיטגעמאכט האט ער זוכה געווען צו קענען קונה שלימות זיין אין די מערה.

**רבי** פינחס האט געזעהן דאס גרויסקייט פון רשב"י בשעת ווען ער האט מיט אים געלערנט, ווייל ביז היינט יעדעס מאל ווען עס איז עפעס שווער געווארן פאר רשב"י ביים לערנען און ער האט דאס געפרעגט פון רפב"י האט אים דער שווער געענטפערט זיינע קושיות אויף 12 אופנים, און פון יעצט און ווייטער ווען רבי פינחס האט געפרעגט א קשיא האט אים רבי שמעון געעטפערט אויף 24 אופנים.

**און** ווי רבי יוסי האט זיך אויסגעדרוקט אויף רשב"י "שפתיים ישק פי משיב דברים נכוחים".

**ווען** רשב"י איז ארויסגעקומען פון די מערה איז ער שוין געווען אויף די עלטערע יארן, און ער האט זיך מער נישט צוריק געקערט צו זיין וואוין ארט, אפילו מיט יארן שפעטער ווען דער קיסר איז געשטארבן, נאר ער איז געבליבן וואוינען נעבן טברי'.

## טיהר את עיר טברי'

**ער** האט דאן געזאגט "אזוי ווי עס איז צו מיר געטון געווארן א נס לאמיר גיין און אויפטוהן עפעס א דבר גדול לטובת אידישע קינדער. אזוי ווי מיר זעהן ביי יעקב אבינו ווען ער איז אהיימגעקומען נאך זיין באגעגעניש מיט עשו הרשע, שטייט 'ויבא יעקב שלם', ויחן את פני העיר, זאגן חז"ל אז ער האט מטהר געווען די שטאט".

**דערציילט** די גמרא ווייטער אין מס' שבת (דף ל"ד) אז רשב"י האט יעצט געטון די זעלבע זאך, ווען ער האט זיך געוואנדן צו די בני העיר טברי', און ער האט זיי געפרעגט צי עס איז דא עפעס אין די שטאט וואסווארט אויף א תיקון.

**האבן** זיי דערציילט אז עס איז דא א 'שוק' וואס איז דא דערביי א ספק טומאה, און די כהנים קענען דארט נישט אריבערגיין ווייל זיי ווייסן נישט גענוי וואו די טומאה ליגט, און זיי דארפן ארומגיין א גרויסע מהלך ארום און ארום אז זיי זאלן קענען אנקומען צו זייער ציהל, און עס וואלט געווען א גרויסע טובה אויב זאל מען קענען פעסט שטעלן וואו עס איז די טומאה.

**רבי** שמעון האט זיך פאראינטערעסירט ביי די זקנים פון שטאט, צי זיי געדענקען אז דער געגענט איז אמאל געווען מוחזק בטהרה, און זיי האבן פעסטגעשטעלט אז אין די תקופה פון רבי יוחנן בן זכאי איז דאס נאך געווען מוחזק בטהרה, האט ער צוזאמען גענומען די חכמים און ער האט מטהר געווען דאס פלאץ מיט זיין גרויס חכמת התורה.

**האט** רשב"י געהערט ווי א געוויסער זקן זאגט "טיהר בן יוחאי בית הקברות", מיינענדיג צו זאגן אז דער פלאץ איז זיכער טמא און עס איז נישט אויסגעהאלטן דאס וואס רשב"י האט דאס מטהר געווען.

**פאר** רשב"י האט דאס זייער ווי געטון אז מ'קען זאגן אויף אים אזא זאך, ווי כאילו ער זאל ח"ו מקיל זיין אין טומאת בית הקברות, האט ער געזאגט "יבא עלי, אם אין בידי במסורה הלכות כשער ראשי על טברי' שהוא טהורה חוץ מזה ומזה". (ער האט גענומען אויף זיך א לשון פון א קללה, אויב ער זאל נישט האבן מיט זיך במסורה הלכות קלאר אז טברי' איז א ריינע שטאט אויסער די געציילטע פלעצער וואס עס איז געווען ידוע און קלאר אז עס איז א מקום טומאה).

**רשב"י** האט געהאט א שווער הארץ אויף דעם זקן, וואס נאכדעם וואס ער האט מטהר געווען דאס ארט במעמד החכמים, און יעדער האט מיטגעהאלטן זאל קומען איינער פון אינעווייניג און ער זאל מהרהר זיין אז די טהרה איז נישט אויסגעהאלטן, האט ער געזאגט דערויף מיט גרויס צער "ווען דו וואלסט ווען נישט געווען מיט אונז אינאיינעם בשעת ווען מען האט מטהר געווען די שטאט, אדער דו וואלסט יא געווען מיט אונז נאר דו וואלסט זיך נישט צוזאמענגעציילט מיט אונז ווען מען האט ארויסגעגעבן דעם פסק הלכה, וואלסטו ווען געהאט רעכט צו קענען קומען מיט טענות און מחולק זיין מיט מיר, אבער יעצט אז דו ביסט

יא געווען מיט אונז אינאיינעם, און דו האסט זיך צוזאמען געציילט מיט אונז ווען מיר האבן געוואלט מטהר זיין די שטאט, גייסטו ארויס מחולק זיין מיט אונז?! וואס וועלן מענטשן זאגן ווען זיי וועלן זעהן די באציאונגען צווישן די תלמידי חכמים, 'זונות מפרכסות זו את זו', די אויסגעלאסענע פרויען פלעכטן זיך איינע דעם צווייטנס האר, מיינענדיג צו זאגן אז זיי העלפן זיך ארויס איינע די צווייטע, תלמידי חכמים לא כל שכן, דארף ווען נישט זיין א זיכערע זאך אז תלמידי חכמים זאלן זיך העלפן און שטיצן איינער דעם צווייטן און נישט ח"ו אז עס זאל זיין פארקערט".

**האט** רשב"י אויסגעפירט זייער שארף "פרצת גדרם של חכמים", ער האט אויף אים געקוקט מיט א קפידא און ער איז געשטארבן.

## עליונים ירדו ותחתונים יעלו

**איז** דארט געווען א כותי וואס האט מיטגעהאלטן די גאנצע מעשה, און ער האט געוואלט אויפווייזן אז רשב"י איז נישט גערעכט, איז ער געגאנגען און באגראבן א מת אויף יענעם שטח וואס רשב"י האט מטהר געווען, און ער איז געקומען צו רשב"י מיט א טענה אז ער האט געזעהן א מת אויף יענעם שטח.

**רשב"י** האט באלד געזעהן מיט רוח הקודש אז דאס האט דער פארשוין אליין געטון, האט ער אויסגערופן "גוזרני עליך, העליונים שירדו, די וואס שטייען אויבן זאלן אראפגיין אונטן, "ועל על התחתונים שיעלו", און די וואס זענען אונטן זאלן ארויפגעקומען, און עס האט טאקע אזוי פאסירט, דער כותי איז געשטארבן דארט אויפן פלאץ, און דער מת איז ארויפגעקומען און ער איז אויפגעשטאנען תחיית המתים. און ניעדער האט געזעהן ווי דאס איז געווען די פעולה פון דעם כותי, און דער קידוש ה' איז געווען גרויס.

**דערציילן** חכמינו ז"ל ווייטער, ווען רשב"י איז ארויסגעגאנגען אויף די גאס האט ער באגעגענו יהודה בן גרים, דער וואס האט איבערגעגעבן זיינע ווערטער ווייטער, און ער איז געווען דער גורם צו די אלע פיין און ליידער וואס ער איז אריבער די אלע יארן, האט ער זיך אנגערופן "עדיין יש לזה בעולם", דער מענטש דרייט זיך נאך אלס דא אויף די וועלט, האט ער אים אנגעקוקט און ער האט פון אים געמאכט א גל של עצמות. (במס' שבת שם).

# פורץ גדרן של חכמים

**יענעם** יאר וואס רשב"י איז ארויסגעקומען פון די מערה איז געווען א שמיטה יאר, רבי שמעון איז אריבערגעגאנגען אין א טאל פון בית נטופה, און ער האט דארט געזעהן ווי א מענטש שטייט און ער איז מלקט ספיחים.

**פרעגט** אים רבי שמעון "וואס טוסטו? דו ווייסט אז דאס זענען ספיחי שביעית??!".

**האט** דער מענטש אים צוריק געענטפערט "איך פארלאז זיך אויף דיין פסק וואס דו האסט מתיר געווען ספיחי שביעית אויסער ספיחי כרוב".

**האט** רבי שמעון געזאגט "ווי אזוי מעגסטו זיך פארלאזן אויף מיין פסק ווען דו ווייסט אז מיינע חברים זענען מחולק מיט מיר און זיי אסר'ן, דאס הייסט אז דו האסט פורץ געווען דעם גדר וואס די חכמים האבן גודר געווען, און חז"ל זאגן 'ופורץ גדר ישכנו נחש', און אזוי איז טאקע געווען און דער מענטש איז געביסן געווארן פון א שלאנג.

**אין** יענע יארן איז רשב"י צוריק ארויסגעגאנגען צו כלל ישראל, און ער האט מיט זיי געלערנט תורה, זיין גרויסקייט אין די תקופה איז געווען זייער שטארק, און אלע תלמידי חכמים, און זיינע חברים האבן זיך מבטל געווען פאר אים, און זיי האבן זיך געשטופט צו קענען הערן זיינע הייליגע ווערטער וואס זענען געווען כמעיין המתגבר. און ער איז אזוי געוואקסן מעלות רמות.

**רבי** שמעון האט זיך אלע יארן צוריק געהאלטן פון זיצן ביי דיני תורות און פסק'ענען בעניני ממונות, און בכלל האט ער נישט געוואלט ארויסגעבן קיין דינים, ווייל נאך פערציג יאר פארן חורבן ביהמ"ק האט מען שוין אויפגעהערט צו פסק'ענען דיני נפשות, און אין די טעג פון שמעון בן שטח איז בטל געווארן דיני ממונות, ביי די מעשה ווען ינאי המלך ממנה געווען דעם בי"ד של צדוקים.

**האט** רשב"י געזאגט "בריך רחמנא שאין אני חכם יותר מהם, ואיני יכול לדון מעתה אין עונש המשפט עלי". און ער האט זיך טאקע אלע יארן ווייטער ארויסגעדרייט אז ער זאל נישט דארפן פסק'ענען און פירן דיני תורה בין אדם לחברו.

# הלכה כרבי שמעון

**אין** יענע יארן איז רשב"י געזעסן און געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים, און פארשפרייט זיין הייליגן אור אויף די וועלט. חכמינו ז"ל האבן געזאגט (ירושלמי דמאי פ"ה) "רבי מאיר ורבי שמעון הלכה כרבי שמעון". אזוי אויך ביי הלכות שבת איז דער כלל אז ביי אלע מחלוקת מיט די אנדערע תנאים איז די הלכה ווי רבי שמעון, אויסער ביי מוקצה מחמת איסור דאורייתא.

**רבי** שמעון און זיין זון רבי אלעזר זענען געווען זייער גרויס און זייער זכות האט מגין געווען אויפן גאנצן דור, ווייל זיי זענען געווען אין די בחינה פון 'צדיקים גמורים'. במשך אלע יארן וואס ער האט געלעבט האט מען נישט געזעהן אויף די וועלט קיין רעגן בויגן, ווייל דער אייבערשטער האט דאך געזאגט אז דער קשת וועט ער שיקן אלס א סימן אז דער דור איז זייער זינדיג און מען דארף תשובה טוהן, ווייל ווען נישט די שבועה וואלט ער ווען געברענגט א מבול אויף די וועלט, אבער בזכות רבי שמעון האט נישט אויסגעפעלט דער קשת, ווייל ער האט מיט זיין צדקות און גרויסקייט מגין געווען אויפן דור פון אלע פורעניות.

**רבי** שמעון האט זיך אויסגעדרוקט (סוכה דף מ"ה) "יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין ציום שנבארתי ועד עצה", לויט די אלע יסורים וואס ער האט געליטן און ער האט מיטגעמאכט אין די צייט וואס ער איז געווען דרייצן יאר אין די מערה, וואס דאס איז אים נישט געקומען צוליב זיינע עבירות, און אזוי ווי מיר זעהן אז אברהם אבינו האט געוואלט אז זיינע זכותים און דער זכות פון אנדערע צדיקים זאלן מגין זיין אויף סדום ועמורה אז זי זאל נישט ווערן איבערגעדרייט, אזוי אויך וואלטן די יסורים וואס ער האט געמאכט געקענט ארויפגיין אויפן גאנצן דור, און זיי זאלן אלע ניצול ווערן פון אלע פורעניות.

**און** רשב"י האט ממשיך געווען "ואלמלי אלעזר בני עמי, מיום שנברא העולם ועד עתה", ווען איך קען ווען מיטרעכענען די זכותים און די יסורים וואס מיין זון אלעזר האט מיטגעמאכט, וואלט דאס געווען בעה צו פטר'ן אלע מענטשן פון בריאת העולם ביז היינט פון אלע צרות ויסורים. "ואלמלי יותם בן עוזיהו עמנו" ווען מיר זאלן מיטרעכענען די זכותים פון יותם בן עוזיהו, וואס ער איז געווען א צדיק און א עניו מער ווי אלע אנדערע מלכים ביי אידן, וואלט ער ווען געקענט פטר'ן "מיום

שנברא העולם עד סופו", פון דעם טאג וואס די וועלט איז באשאפן געווארן, ביזן סוף פון די וועלט.

**דאס** האט רשב"י אליין מעיד געווען איבער זיין גרויסקייט און זיינע זכותים אין הימל.

**רשב"י** האט זיך אליין אויסגעדרוקט איבער זיין גרויסקייט (עי' סוכה שם ובפי' רש"י ז"ל) "ראיתי בני עלי' והם מועטים", איך האב געזעהן די בני עלי', וואס דאס איז דער כת וואס זענען די וואס זענען אנגעגרייט צו מקבל זיין פני השכינה, און זיי זענען ווייניג. 'אם אלף הם' אויב איז דא טויזנט מענטשן וואס זענען אין דעם גדר, אני ובני מהם, בין איך מיט מיין זון רבי אלעזר צווישן די מענטשן, אם מאה הם אני ובני מהם, אפילו אויב זיי זענען נאר הונדערט מענטשן, איז אויך אז איך מיט מיין זון זענען צווישן זיי, אם שנים הם, אויב איז נאר דא צוויי "אני ובני הם" זענען די צוויי מענטשן איך מיט מיין זון", ווי רש"י זאגט דעם לשון "שהם הנתונים לפנים ממלאכי השרת, וזוכים ורואים באספקלריא המאירה, ואף נכנסים בלי רשות".

## כל רז לא אניס לי'

**רבי** שמעון בן יוחאי איז געווען דער גדול בדורו אין נגלות התורה, אבער זיין חכמה האט נישט געהאט קיין גבול און קיין גרעניץ, און ער איז אריין אין אלע באהאלטענע היכלות התורה, און ער האט זוכה געווען צו 'זיהרא עליאה' אין די טיפקייטן פון די סודות התורה און חכמת הקבלה. (עי' בסה"ד בשם ס' עמק המלך).



**רשב"י** האט זוכה געווען צו די העכערע חכמה מן השמים אין יענע תקופה ווען ער איז געזעסן אין די מערה, דארט האט ער געהאט התגלות אלקות (מהקדמה לס' הזוה"ק).און ער האט מעמיד געווען א חברי' קדישא מיט זיינע גרויסע און הייליגע תלמידים מיט וועמען ער האט איניינעם עוסק געווען אין די געטליכע חכמה. ווי דער רמח"ל אין אדיר במרום באצייכנט דאס איז דער דור פון רשב"י וואס האט מגלה געווען די תורת הנסתר געווארן אנגערופן 'דור דעה'.

**די** ספרי קבלה זאגן אלע אסאך איבער די מדריגות וואס דער דור פון רשב"י האט זוכה געווען, ווען עס איז ביי זיי נתגלה געווארן דער הייליגער אור טמיר ונעלם פארן כלל.

**ישעי'** הנביא זאגט (ישעי' ח' ט"ז) "צור תעודה חתום תורה בלימודי", דרש'ענן חכמינו ז"ל 'תורה' זו תורה שבכתב, תעודה זו תורה שבע"פ, וככל מה שמלובש בדברי תורה ואותיותי' (רעיא מהימנא אמור צ' ע"ב, ושם בהעלתך קנ"ב ע"ב).

**די** תורה הק' איז געגעבן געווארן פון הימל פאר משה רבינו בדרך פרד"ס, 'פירוש'-עשיה. ראיות-יצירה. דרשו"ת-בריאה. סודות-אצילות, וואס דאס זענען אלעס פון די סתרי תורה, און עס זענען דא גרעסערע און העכערע סודות לאין שיעור וערך, וואס ווערט אנגערופן 'סתרי סתרים' (רעיא מהימנא בהר ק"י ע"א).

**נאך** מיט א צייט פריער איז שוין נתגלה געווען סוד ה' ליראיו, גיבורי כח עושי דברו, ווי רבי עקיבא וחביריו "שהיה בהם כח לעמוד בהיכל המלך היכל ה'". די סאמע ערשטע ספרים וואס האבן עוסק געווען אין סתרי תורה נאך פריער ווי די תקופה פון רשב"י זענען געווען "ספר יצירה", "ספרא דחנוך", "ספר רזיאל המלאך", "ספר הבהיר", פרקי היכלות". און רשב"י איז געקומען נאך זיי און ער האט אויסגעברייטערט מיט זיינע ווונדערליכע גילוים אין תורת הנסתר.

**אין** די ערשטע תקופה ווען רשב"י האט געלערנט מיט זיינע תלמידים האט ער נאך זיי נישט מגלה געווען די באהאלטענע סודות התורה, ווי ער אליין האט גע'דרש'נט דעם פסוק "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, תשים ל' סימא, (אוצר), מה שימה זו אינה נגלית לכל אדם כך הם דברי תורה" (שהש"ר פ"א). מיט די יארן ווען זיינע תלמידים האבן אנגעהויבן צו אונטערוואקסן, און זיי זענען אלע געווארן גרויסע לייבן בנגלות התורה, דעמאלטס האט רשב"י געעפענט פאר זיי דעם קוואל

פון פנימיות התורה, און ער האט זיי אנגעטרונקען מיטן ענדלאזן קוואל פון די רזין דרזין.

**אין** דברי חכמינו ז"ל געפונען מיר זייער גרויסע לשונות און אויסדרוקן אויף די הייליגע חברי' פון רשב"י וחבריו "והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע (דניאל י"ב ג') הם רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, רבי אלעזר בנו, רבי אבא, רבי יוסי, רבי חייא ורבי יצחק, ושאר בני החברייא כולם (תיקו"ז ריש הקדמה אחרת).

**"שהם** יחד צדיקים גמורים היו, חכמים ומבינים מדעתם במעשה בראשית (תיקה"ז תיקון י"ח). שנכנסו ועשו בסתרי תורה וברזין עילאין, והם גם יחד זכאים וחסידים היו ויראי חטא" (זוה"ק אחרי ע"ט ע"א).

**אזוי** שטייט אין די פריערדיגע ספרי קבלה מורא'דיגע גרויסע לשונות אויף רשב"י וחבריו איבער די געוואלדיגע השגות צו וואס זיי האבן זוכה געווען, און די גרויסע אויפטועהן וואס איז דורכדעם געטון געווארן, וואס וויבאלד זיי האבן עוסק געווען דערין בקדושה ובטהרה, אן קיין שום פערזענליכע אינטערעסן.

**דערציילן** חכמינו ז"ל ווי אזוי דאס איז געווען ווען די הייליגע חברי' פלעגט ארויסגיין אינאיינעם איבער די וועגן און די פעלדער, כריח שדה אשר ברכו ה', זו חקל תפוחין, און זיי האבן זיך אריינגעזעצט אין היילן, און רבי שמעון האט פאר זיי יעדן טאג געזאגט 'דברים טובים'.



**אין** זוה"ק (בראשית דף מ"ט ע"ב) עס איז געווען א מעשה ווען רבי שמעון איז געגאנגען קיין טברי', און ר' יוסי, רבי יהודה און רבי חייא זענען מיטגעגאנגען מיט אים, און זיי האבן געזעהן ווי רבי פינחס בן יאיר קומט צוגיין, ווען זיי האבן זיך באגעגנט זענען זיי אלע אראפ פון זייערע אייזלען, און זיי האבן זיך אוועק געזעצט אונטער איינע פון דיביימער וואס איז געווען ביי יענעם בארג. ווען אלע זענען שוין געווען גרייט צו הערן די דברי תורה האט רבי שמעון אנגעהויבן צו דרש'ענען 'המעשה אברהם אבינו', וואס עס שטייט ביי איהם "וילך למסעיו", וואס דאס איז א לשון רבים, האט ער דאס אפגעטייטשט אז דאס מיינט צוויי מסעות מסע עצמו, און די מסע השכינה, אז א מענטש דארף ביי אלע זיינע מעשים און ביי אלע זיינע וועגן זעהן אז די שכינה זאל פון אים זיך קיינמאל נישט אפטוהן.

**נאך** ווערט דערציילט אין זוה"ק (פנחס דף רמ"א ע"ב) עס איז געווען אמאל ווען רשב"י איז געגאנגען קיין טברי', האט אים באגעגנט אליהו הנביא און ער האט אים געזאגט "שלום לאדוני", האט אים רבי שמעון געזאגט "אין וואס איז יעצט דער אייבערשטער עוסק אין הימל," האט אים אליהו הנביא געזאגט אז "דער אייבערשטער איז יעצט עוסק אין קרבנות" און ער זאגט נאך נייע זאכן אין דיין נאמען, אשרי לך, ובאתי להקדים לך שלום!".

**דאן** האט אים אבער אליהו הנביא געזאגט אז אין די ישיבה של מעלה האט מען געפרעגט א שאלה אויף דעם וואס עס שטייט ביי הקב"ה "אכלתי יערי עם דבשי", איז דען דא ביים רבש"ע א באגריף פון אכילה ושתי' אז מ'זאל קענען זאגן אזא לשון?! האט רשב"י געענטפערט פאר אליהו הנביא דעם טיפן מכוין פון די ווערטער וואס דאס מיינט עפ"י הסוד, וואס דאס איז געזאגט געווארן פון גרויס ליבשאפט וואס דער רבש"ע האט צו אידישע קינדער.

## נשמת בנו רבי אלעזר

**אין** זוה"ח (מדרש הנעלם י' ע"ב) ווערט דערציילט עס איז געווען אמאל ווען רשב"י האט איינגעלאדנט די חכמים אז זיי זאלן קומען צו א גרויסע סעודה וואס ער האט זיי צוגעגרייט. און ער האט באדעקט די גאנצע שטוב מיט טייערע כלים, ער האט אוועקגעזעצט די חכמים אויף איין זייט און ער האט זיך געזעצט אויף די צווייטע זייט, און ער איז געווען זייער אויפגעלייגט מיט א גרויסע שמחה.

**האבן** אים די תלמידים געפרעגט "מה השמחה של אדונינו ביום זה יותר משאר הימים?", וואס איז היינט אזוי גרויס די שמחה ביים רבי'ן מער ווי אלע אנדערע טעג. האט רשב"י געענטפערט "אין דעם טאג איז אראפגעקומען א נשמה קדושה עילאה אל רבי אלעזר בני, און ביי די יעצטיגע סעודה וועט זיין צו מיר א שמחה שלימה.

**רבן** שמעון האט גענומען זיין זון רבי אלעזר און ער האט אים אוועקגעזעצט נעבן זיך און ער האט אים געזאגט "זיץ מיין קינד זיץ, ווייל אין דעם היינטיגן טאג ביסטו קדוש בגורל הקדושים". רבן שמעון האט געזאגט איין דבר תורה און א פייער האט ארומגענומען דאס גאנצע הויז.

**ווען** די חכמים זענען ארויסגעגאנגען האבן זיי געזעהן ווי א רויך קומט ארויס פון הימל דעם גאנצן טאג.

**איז** געקומען רבי יוסי ב"ר שמעון בן לקוניא, און ער האט געזעהן ווי די חכמים שטייען פארוואונדערט אויפן גאס, האבן זיי אים געזאגט "היינט טוט מען מכתיר זיין רבי אלעזר מיטן הייליגן קרוין".

**רבי** יוסי איז דארט געבליבן זיצן ביז ווען דאס פייער האט זיך אפגעטון פון דארט, און ער איז אריינגעגאנגען און אויסגערופן "הכתר והסתר הם חמדת הכל, תהי' חופה זו שלימה". האט אים רבי שמעון געזאגט "וואס מיינסטו?", האט רבי יוסי געזאגט "איך וויל זיך מיט דיר משדך זיין און געבן מיין טאכטער פאר דיין זון רבי אלעזר".

**האט** רבי שמעון געזאגט "אוודאי, אזוי זאל זיין", מ'האט גערופן די חכמים, און ער האט אים געגעבן זיין טאכטער.

## רבי שמעון ותלמידיו

**עס** איז אינטערעסאנט צו באמערקן וואס חכמינו ז"ל דערציילן ווי אזוי אין יענע שווערע תקופה, ווען רבי שמעון איז געווען באהאלטן אין די מערה, זענען זיינע תלמידים געווען זייער אנגעוויזן אויף אים, און ווען עס איז אויפגעקומען פארשידענע שווערע שאלות אין ביהמ"ד, האבן זיי ארויסגעקוקט אז רבי שמעון זאל האבן געווען מיט זיי אינאיינעם, און ער זאל זיי קענען פותר זיין זייערע שאלות און ספיקות.

**עס** איז געווען אין איינע פון די טעג, ווען די חכמים זענען געזעסן אין בית המדרש, און מ'האט עוסק געווען אין די קללות אין תורת כהנים,

(די ערשטע תוכחה אין בחוקותי וואס גייט ארויף אויפן ערשטן ביהמ"ק) וואס מ'זעהט אין די תוכחה די הבטחות און דאס ליבשאפט פונעם אייבערשטן צו אידישע קינדער. ווידעראום ווען מ'קוקט אריין אין די קללות שבמשנה תורה, די תוכחה פון פר' כי תבא, (וואס דאס איז קעגן בית שני, און דער יעצטיגער גלות פון כלל ישראל) זעהט מען נישט די אלע ווארימע ווערטער פון פסוקי נחמה און די הבטחות וואס דער רבש"ע זאגט צו ביים ערשטן תוכחה. און די חכמים האבן עוסק געווען צו מברר זיין דעם טעם הדבר, און זיי האבן נישט געקענט קומען לידי בירור.

**האט** זיך אויפגעשטעלט רבי יהודה בן אילעאי און ער האט אויסגערופן צווישן די חכמים "חבל על בר יוחאי שאינו, ואין מי שיודע מקומו, ואילו ידע אין לו רשות לגלותו", עס איז א שאד אז רשב"י איז נישט צווישן אונז, און קיינער ווייסט נישט וואו ער געפונט זיך אז מיר זאלן אים קענען פרעגן און פארלייגן אונזערע ספיקות, און אפילו אויב עס איז יא דא ווער עס ווייסט וואו ער איז האט ער נישט קיין רשות דאס אויסצוזאגן. (עי' זוה"ח פר' כי תבא).

## די יונה ברענגט א שליחות צו רבי שמעון

**אזוי** ווייט איז אויסגעקומען אז ווען די חכמים האבן געהאט שוועריגקייטן צו פארשטיין פארשידענע ענינים האבן זיי אויסגעדרוקט זייער בענקשאפט צו רשב"י און זיי האבן אזוי געהאפט אז זיי זאלן פאר איהם קענען פארלייגן זייערע שאלות און ספיקות און ער זאל זיי באלייכטן די אויגן אזוי ווי עס פלעגט זיין אין יענע צייטן ווען ער האט זיך געפונען מיט זיי אינאיינעם.



**דערציילן** חכמינו ז"ל אז אין איין אינדערפרי איז רבי יוסי ב"ר יודא אויפגעשטאנען און ער האט געזעהן ווי די פייגל פליעהן אין הימל אינאיינעם, און איין פייגל איז אונטערשטעליג און פליעהט אונטער זיי, האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און ער האט געזאגט "יונה יונה, וואס דו ביסט נאך באגלייבט פון די צייטן פונעם מבול אז דו ביסט די 'דיוקנא דעמא קדישא' - ווייל כנסת ישראל איז דאך צוגעגליכן צו א יונה - לך יאה ולך נאה, עס איז פאסיג פאר דיר אז דו זאלסט זיך אונטערנעמען צו טראגן א שליחות צו בר יוחאי און דו זאלסט גיין דארט וואו ער געפונט זיך".

**אין** יענע מינוט וואס ער האט געזאגט די ווערטער האט זיך די יונה אויסגעדרייט און זי האט זיך אוועק געשטעלט פאר רבי יוסי גרייט אונטערצונעמען די שליחות. האט רבי יוסי גענומען א צעטל און ער האט דערויף אויפגעשריבן וואס ער האט געהאט צו שרייבן, און ער האט דאס אריינגעלייגט אין מויל פון די יונה, און זי איז באלד אריבערפליגן צו די מערה פון רשב"י, און זי האט אראפ געלייגט דאס צעטל נעבן איהם.

**רבי** שמעון בן יוחאי האט גענומען דאס צעטל, און ער מיט זיין זון רבי אלעזר האבן זיךביידע גענומען זייער צו וויינען, און רשב"י האט געזאגט "איך וויין ווייל איך האב זיך אפגעטיילט פון מיינע חברים, און איך וויין ווייל איך זעה וויפיל וויכטיגע זאכן פון די סודות התורה וואס ווערט נישט אנטפלעקט פאר זיי, און עס איז אזוי וויכטיג אז זיי זאלן דאס וויסן, און איך שטיי און איך וואונדער זיך וואס עס וועט זיין אין די קומענדיגע הדורות ווען עס וועט זיי אויפקומען די שאלות, זיי וועלן דאס וועלן פארשטיין און וויסן, און עס וועט נישט אנטפלעקט ווערן פאר זיי".

**אינצווישן** איז אנגעקומען אליהו הנביא, וואס פון הימל האט מען אים געשיקט אז ער זאל בארוהיגן רשב"י, און ער זאל אפווישן זיינע טרערן, און ער האט מגלה געווען פאר רשב"י דעם סוד פון די ענינים, וואס דער יסוד דערפון איז אז אלע הבטחות און אלע נחמות וואס דער אייבערשטער זאגט צו פאר אידישע קינדער, אלעס ליגט באהאלטן אין די פסוקים פון די תוכחה, "ובמקום הרע ביותר של הקללות שם הוא גילוי הגאולה, והכל תלוי בתשובה".

**די** ווערטער וואס אליהו הנביא האט מגלה געווען פאר רשב"י איז א מורא'דיגער חיזוק פאר אידישע קינדער כי לא יטוש ה' עמו ונחלתו

לא יעזוב, און אפילו אין די שווערסטע מצבים, ווי עס האט אויסגעזעהן די תוכחה פון פר׳ כי תבא ווען די חכמים אליין האבן דאך געזעהן אז עס איז כולו קללות און זיי האבן דארט נישט געטראפן קיין שום צייכן פון קיין ברכות, דאך האט מען מגלה געווען אז דארט ווי עס איז דאס מערסטע טונקל, דוקא דארט ליגט באהאלטן די ישועה.

**רשב"י** האט געהערט די ווערטער פון אליהו הנביא, און ביינאכט האט ער זיך אוועקגעזעצט און ער האט אפגעשריבן די תשובה פאר זיינע חברים און ער האט דאס צוריק אריינגעלייגט צווישן די פליגל פון די יונה.

**רבי** יוסי איז געשטאנען במשך דעם גאנצן טאג און ער האט אזוי געווארט און געהאפט אז דאס פייגל זאל צוריק קומען מיט א תשובה, און הערשט ביינאכט האט ער געזעהן ווי דאס יונה קומט צוריק מיט א צעטל אריינגעשטעקט צווישן די פליגל, ער איז געווארן דערפון אזוי מרוגש און ער האט געזאגט "יונה יונה, ווי שטארק באגלייבט ביסטו, מער ווי יעדע עוף מן השמים".

**ער** האט אויסגענומען דאס צעטל וואס איז געווען אריינגעשטעקט אין אירע פליגל און ער איז דערמיט אריינגעגאנגען צו די חברי׳, און ער האט זיי געוויזן וואס רשב"י האט געשריבן, און ער האט זיי דערציילט די גאנצע מעשה פלא ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו באקומען א תשובה געשריבן בכתב ידו פון רשב"י אין די תקופה, וואס אלע חברים האבן דאס אויפגענומען מיט גרויס וואונדער.

**רבי** יהודה האט אויסגעבראכן אין א געוויין "ווי, ווי ביטער איז אונז אז מיר ווייסן נישט דאס ארט וואו רשב"י איז באהאלטן, מקום שיפול העץ שם יהוא" (קהלת י"א ג׳). דאס פלאץ ווי רבי שמעון בן יוחאי געפונט זיך, די חברים זענען דארט אינאיינעם מיט אים, מ׳ווערט נתעורר פון אים, מ׳לערנט זיך פון איהם "אשרי נפשו של בר יוחאי שהקב"ה עושה עמו נסים, והוא גוזר והקב"ה מקיים".

## בסוד תורה הבהיר

**ווי** מיר זעהן אין די ווערטער וואס די חכמים האבן גערעדט במעלת רשב"י, האט רבי יהודה בכלל געזאגט זייער גרויסע ווערטער אין זיין לויב.

"**תנא** רבי הודה, הדור שרבי שמעון בן יוחאי שוהה בו כולם זכאים, כולם חסידים ויראי חטא הם", דער דור וואס רבי שמעון בן יוחאי איז אין דעם דור זענען אלע זכאי, אלע זענען חסידים, און אלע זענען יראי חטא, און די שכינה רוהט צווישן די הייליגע חבריא די תלמידים פון רשב"י.

**צוליב** די סיבה האט דוקא דער דור זוכה געווען אז דעמאלטס זענען נתברר געווען זיינע ווערטער, און דאס איז שוין געבליבן אין די ווייטערדיגע דורות אז די סתרי תורה וואס זענען אלע יארן געווען באהאלטן זענען נתגלה געווארן, און פון דעמאלטס און ווייטער האבן די בני עלי' זוכה געווען זיך צו דערוויסן פון די תעלומות חכמה און לערנען די הייליגע סודות התורה וואס ליגט באהאלטן פון ווען משה רבינו האט איבערגענומען די תורת ה' תמימה פון בארג סיני.

**חכמינו** ז"ל האבן שוין דעמאלטס באשטעטיגט אז אינעם זכות פון רשב"י האט יענער דור זוכה געווען צו א געוואלדיגע התגלות אלקות וואס איז נישט געווען אין די שפעטערדיגע דורות, און די הייליגע תלמידים וואס זענען געזעסן און זיי האבן עוסק געווען אין רזין דרזין, האבן געהאט אפענע ביאורים וואס מען האט זיי ערקלערט מן השמים אלעס בכוחו ובזכותו פון רשב"י, וואס דאס אלעס איז מיט די יארן שפעטער באהאלטן געווארן, און אפילו עס זענען אלס געווען יחידים וואס האבן זוכה געווען משיג צו זיין סתרי תורה, האבן זיי אבער מורא געהאט דאס מגלה צו זיין און דאס מאכן פאר א נחלת הכלל.

## רבן שמעון בן יוחאי איז מגלה דעם ספר הזוהר

**ווי** דער הייליגער רמח"ל (בס' אדיר במרום) שרייבט זענען די דרייצן יאר וואס רשב"י איז געווען באהאלטן אין די מערה אזוי געווען בכוונה תחילה מן השמים, ווען עס איז געווען געצילט אז רשב"י זאל במש די יארן אויסלייטערן און אויסרייניגן זיין נשמה צו אזא הויכע מדריגה אז זי זאל ראוי זיין צו מגלה זיין די קדושה פון ספר הזוהר אויף די וועלט, וואס דאס האט מגלה געווען א נייעם אור וואס האט באשיינט און באלויכטן די וועלט, מאיר לארץ ולדרים עלי'.

**ווען** רשב"י האט צוזאמען געמומען זיין חברי' קדישא, און ער האט מיט זיי אינאיינעם מחוליט געווען צו מחבר זיין דעם ספר הזוהר, האט מען פון הימל מסכים געווען דערצו, אז דאס זאל ארויסגיין אויף די וועלט, און פשוטי בשר ודם זאלן קענען נהנה זיין פון דעם הייליגן אור.

**באמת** איז דער רצון ה' געווען אז דער חלק התורה זאל בלייבן טמיר ונעלם, עס זאל זיין גענצליך באהאלטן פונעם המון עם, די סתרי תורה ווערן אנגערופן "אור", וואס איז בגימטריא "רז", וואס דאס צייגט אז די אלע סודות זענען לכתחילה אזוי געגעבן געווארן אז דאס זאל בלייבן עמיקין וטמירין, און עס זאל נישט זיין יד הכל ממשמשין בהם.

**נאר** נאכן חורבן בית המקדש, אידישע קינדער זענען געווען אין א מצב וואס זיי זענען געווען שטארק אנגעוויזן אויף א פרישע הערה, זיי האבן זיך גענויטיגט און תיקונים וואס זאל זיי לערנען, ווייסזן און פירן, און זיי העלפן אנקומען מיט שטאפלען ווייטער צו די גאולה שלימה, און אינעם זכות פון די גרויסע צדיקים רשב"י וחבריו האבן זיי זוכה געווען דערצו.

**מגלגלין** זכות על ידי זכאי, און אזא גרויסער זכות פאר כלל ישראל, איז צושטאנד געקומען דורך אזא גרויסן זכאי ווי רשב"י.

**אין** זוהר חדש (כי תבא) ווערט געברענגט אז "עתיד רבי שמעון בן יוחאי להיות ראש לצדיקים היושבים בגן עדן ויקבל פני השכינה ויראה בהקב"ה, וישתעשע עם הצדיקים, ויאמר להם "בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושינו". פון דעם טאג וואס עס איז געגעבן געווארן פון הימל רשות צו מגלה זיין די פנימיות התורה איז אויך געגעבן געווארן רשות פאר אליהו הנביא צו זיין מיט זיי אינאיינעם, און פאר אלע בעלי מתיבתא דלעילא ותתא, פאר אלע חיילות המלאכים ונשמתין עילאין אז זיי זאלן אלע האבן א חלק און יעדער זאל צוהעלפן צו דעם הייליגן ספר הזהור, און מגלה זיין פאר די צדיקים די באהאלטענע סודות התורה, יעדער לויט זיין מדריגה.

**באמת** זענען די סודות מתחילה געגעבן געווארן אויף אן אופן אז דאס בלייבט באהאלטן עד ביאת הגואל, און ביז משיח'ס טאג וועלן מיר נישט קענען זוכה זיין דערצו, נאר דער דור פון רשב"י האט זוכה געווען, און פון זייער גרויס יראת שמים און אהבת ה' האט מען זוכה געווען און עס איז געגעבן געווארן דער רשות פון הימל צו אנטפלעקן די אלע רזי תורה.

## גלה מדרש הנעלם

**עס** איז אינטערסאנט דער לשון פונעם רמח"ל אין ס' אדיר במרום "כשם שעשה רבינו הקדוש אחרי כן מסברת כל החכמים, חתימת

המשנה, כך קבע רבי שמעון והחברים ישיבה לחבר חיבור כולל נורא בסודות התורה ואורותי', הוא מדרשן של רבי שמעון שנקבע על סדר כללות פרשיות התורה עצמה, ממה שדרש הוא והחברים עמו".

**אין** די הקדמה צו תיקוני זוהר ווערט געברענגט אז עס איז געווען אן הסכמה פון הימל צו רופן דעם ספר 'ספר הזוהר', עס ווערט אויך גערופן מדרש "יהי אור". עס איז נישטא דאס ארט מאריך צו זיין וואס אלע פריערדיגע ספרים און חכמים האבן געשריבן און מאריך געווען אינעם שבח פון דעם הייליגן ספר.

**די** גרעסטע גדולי גאוני וחכמי הדור האבן זיך גענומען צו די סודות התורה, און זיי האבן זיך מעמק געווען אין די אלע הייליגע דיבורים, און זיי האבן דאס פארברייטערט און מרחיב הדיבור געווען אין דעם. רבי שמעון האט מחבר געווען אויף דעם חיבור 'רעיא מהימנא" וואס דאס איז געווען אויפן נאמען פון משה רבינו ע"ה 'לפי ההארות בהתלבשות משה בו (אדיר במרום להרמח"ל). וואס משה רבינו איז דאך געווען דער ערשטער וואס ער האט מקבל געווען די סודות התורה אויפן בארג סיני, און יעדע סוד פון די סודות וואס זענען נתפרסם געווארן במשך די יארן איז געווען פון דעם וואס משה רבינו האט מקבל געווען אויפן בארג סיני. ווי חז"ל דערמאנען דאס איז געווען דער מצב אלע יארן "אלא שבאימה ופחד היו החכמים עסוקים בהם בנסתרות, והיו אומרים ולא אומרים, ועד שזכה רבי שמעון וניתן רשות לגלות בדורו".

**רבי** שמעון פלעגט דרש'ענען פאר די תלמידים, און אלע חברים האבן זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער, און זיי זענען געווען איין חבורה וואס האט געלערנט און זיך געהאלטן די גאנצע צייט אינאיינעם. און יעדער איינער פון די חבורה האט מיטגעהאלטן און געזאגט זיין טייל. נאר ווי מיר זעהן אין די ריש אדרא רבא (עי' בזוה"ק פר' נשא) זענען זיי אריינגעגאנגען צעהן חברים, אנגעהויבן ביי רבי אלעזר ב"ר שמעון, רבי אבא, רבי יהודה, רבי יוסי ב"ר יעקב, רבי יצחק, רבי חזקי' בר רב, רבי חייא, רבי יוסי, רבי ייסא, און רבי שמעון איז געווען מיט זיי, אבער נאר זיבן פון די חברים האבן זוכה געווען צו בלייבן אין די חבורא. בס"ה ווען מ'האט מחבר געווען דעם 'ספר התיקונים' זענען דערביי נאר געווען רבי שמעון מיט זעקס חברים. (ריש תיקוני זוהר).

**נאך** איידער די חברי' קדישא האט מסיים געווען די אידרא, זענען שוין פון זיי נפטר געווארן רבי יוסי ב"ר יעקב, רבי חזקי' און רבי יוסי,

די חברי' האבן זוכה געווען צו זעהן ווי הייליגע מלאכים טראגן זיי. האט רבי שמעון געשריגן און געזאגט "אפשר האבן מיר באקומען דעם עונש פון הימל אז מיר האבן פארלוירן עטליכע חברים, ווייל דורך אונז איז יעצט נתגלה געווארן אויף די וועלט אזעלכע סודות התורה וואס איז נאך ביז היינט נישט נתגלה געווארן פון דעם טאג וואס משה רבינו איז געשטאנען אויפן בארג סיני?!".

**האט** רשב"י געהערט א קול וואס איז ארויסגעקומען פון הימל און געזאגט "אשריך רבי שמעון, אשרי חלקך וחלק החבריא, אלה שעומדים עמך, שנתגלה לכם מה שלא נתגלה לכל צבאות מעלה". (סוף אידרא רבא).

**עס** איז מערקווידריג ווי אזוי חכמינו ז"ל פארצייכענען די תקופה פון חורבן ביהמ"ק ווי א צייט וואס כלל ישראל האט דעמאלטס געהאט א גרויסע ירידה ברוחניות, און דער קרן התורה איז שטארק אראפגעברענגט געווארן, און דער באגריף פון 'משחרב בית המקדש' איז זייער א גרויסער דאטום אין די היסטאריע פון כלל ישראל, וואס א גרויסער שאדן איז דעמאלטס געווען און א שכחת התורה האט באהארשט די וועלט. פון די אנדערע זייט איז טאקע די ירידה געווען א גורם למעליותא, אז עס איז אויך אויפגעהויבן געווארן דער קרן התורה אויף א שטארקן פארנעם, די עס האט זיך געשטארקט די חכמה און דער כח התורה ביי אידישע קינדער, ווייל עס איז געווארן די תקופה פון חכמים סופרים, די תנאים, וואס זיי זענען אלע געווען גדולי עולם, יעדער איינער פון זיי האט געוואוסט וואס ער האט משיג געווען אין פניומיות התורה און אין די סודות התורה. נאר עס איז זיי נאכנישט געגעבן געווארן קיין רשות אז זיי זאלן דאס מסדר זיין אויף א געהעריגן אופן, און אז זיי זאלן דאס מעגן ארויסגעבן פאר די וועלט בכתב.

## איש איש לעצמו

**אויך** די חברי', די חבורה פון רשב"י וואס זיי האבן נאך מאריך ימים געווען נאך זיין פטירה, האבן אויך נישט קובע געווען קיין ישיבה און ממשיך געווען צו לערנען חכמת הנסתר, נאר יעדער איינער האט זיך געהאלטן מיט דעם וואס ער האט געלערנט און מקבל געווען פון רשב"י, און מען האט דאס כסדר געלערנט און גע'חזר'ט יעדער פאר זיך אליין, אנדעם וואס מ'זאל זיך צונויפקומען אינאיינעם עוסק זיין אין די הייליגע חכמה עמוקה. (עי' בס' אדיר במרום להרמח"ל).

**די** ערלויבעניש וואס איז געגעבן געווארן מן השמים צו מגלה זיין דאס לעכטיגקייט פון תורת הנסתר, דאס איז נאר געגעבן געווארן פאר רשב"י אליין, וואס זיין נשמה איז געווען א ניצוץ פון די נשמה פון משה רבינו. ווי חכמינו ז"ל זאגן "עלית למרום שבית שבי", וואס איז ר"ת שמעון בר יוחאי, און "במדרשו של רבי שמעון נכנסו בו עליונים ותחתונים", און נאך די הייליגע 13 יאר וואס רשב"י איז געווען באהאלטן אין די מערה האט ער זוכה געווען צו אזא התגלות וואס איז נישט געווען בעפאר און דערנאך.

**די** ספרי קבלה זאגן אז דאס וואס רשב"י האט מגלה געווען פאר זיינע תלמידים איז געווען א נחיצות לצורך הדור. יענע תקופה פונעם גלות און שיעבוד מלכיות אונטער די גוים און די מלכות הרשעה, און די סטרא אחרא איז געווען אזוי ווי א מבול וואס איז אויף די וועלט. און נאר בבחינת 'ספר הזוהר', וואס איז בסוד 'תיבת נח' איז געבליבן א באהעלטעניש פלאץ פאר די מי המבול, וואס מ'זאל פון דארט קענען ניצול ווערן פון די בייזע וואסערן וואס איז געווען אויף די וועלט, און דאס האט געמאכט תיקונים אויף די וועלט פאר די שכינה וואס איז געווען אין גלות, אין דעם שווערן גלות אדום.

**אין** יענע שווערע צייטן זענען די הייליגע חכמים אנטלאפן, זיי האבן זיך באהאלטן אינעם ביהמ"ד פון רבי שמעון אין יענע שווערע זמן הגלות, און זיי האבן דארט מתקן געווען גרויסע תיקונים פארן דור און פארן גאנצן כלל ישראל.

**די** אלע ווערטער וואס רבי שמעון האט געלערנט מיט זיינע תלמידים, זענען געלערנט געווארן בעל פה, אויסער די זאכן וואס רבי אבא האט באפוילן, און איז איבערגעגעבן געווארן מפי רבי שמעון, און די זאכן זענען נישט פארשריבן געווארן במשך די אלע יארן ווא רבי שמעון האט געלעבט. און נאך די פטירה פון רבי שמעון זענען ווייטער די אלע סודות געבליבן באהאלטן ביי רבי שמעון, ביי זיין זון רבי אלעזר, און ביי אלע תלמידים וואס האבן מקבל געווען פון אים די ווערטער פון כלי ראשון, און שפעטער האט יעדער פון זיי געברענגט די מאמרים וואס ער האט געלערנט און וואס ער האט מקבל געווען און ער האט דאס געברענגט צום ספר וואס מ'האט מסדר געווען פון די אלע מימרות. און זיי די תלמידים האבן אזוי ארויסגעגעבן דעם ספר הזוהר און אלע אנדערע ספרים לויט דעם וואס זיי האבן מקבל געווען פון רשב"י (ספר יוחסין מ"ב).

**איז** געווען אמאל א מעשה אז רבי יצחק איז געגאנגען אויפן וועג, האט אים באגעגענט רבי חייא און ער זאגט אים "איך זעה אויף דיין פנים אז דו וואוינסט אין משכן השכינה". און רבי חייא האט אים אנגעהויבן אויסצופרעגן אין די פארהוילענע חכמה פון די תורה. און רבי יצחק האט אים געענטפערט אויף יעדע שאלה וואס ער האט געפרעגט. (זוהר האזינו, דף רכ"ב).

**האט** רבי יצחק געזאגט "ווען מיר זענען געזעסן פאר רבי שמעון איז אלעס געזאגט געווארן בגלוי, מ'האט גערעדט פון די אלע סודות התורה אפענערהייט און מען האט נישט געדארפט אלעס אזוי באהאלטן צו רעדן אונטער א שלייער מיט רמזים, האט אים רבי חייא געזאגט "רבי שמעון איז נישט ווי אנדערע מענטשן, ווייל אלע זענען פאר אים אזוי ווי אנדערע נביאים קעגן משה רבינו, און נאך די צייטן פון רבי שמעון איז שוין נישטא קיין רשות צו קענען אזוי שטארק מגלה זיין די אלע סודות התורה.

**חז"ל** ז"ל דרוקן זיך אויס אויף די בני החבריא קדישא פון רבי שמעון אז זיי זענען געווען באגלייבט אכטונג צו געבן אויף די סודות התורה און זיי האבן דאס נישט אויסגעזאגט ווייטער (עי' רעיא מהימנא פר' פנחס דף רצ"ג ע"ב). און ווי עס איז דער לשון פון די אידרא זוטא (קס"א) "ונאמן רוח מכסה דבר (משלי י"א י"ג) אשרי חלקם של הצדיקים המכסים הסודות, כ"ש סודות העליונים של הקב"ה, ועליהם כתיב (ישעי' ס' כ"א) ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ".

## התגלות ספר הזוהר

**דער** מציאות איז אז כאטש דער ספר הזוהר איז נתחבר געווארן דורך התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, איז דאס נישט נתפרסם געווארן ביז אריבער טויזענט פינף הונדערט יאר נאך זיין פטירה. אין קיין שום ספר, נישט משניות, גמרא, גאונים, ספרי הראשונים אין די ערשטע תקופות געפונען מיר נישט צוברענגען דעם ספר הזוהר.

**נאר** אין די תקופה פון די ראשונים דער רי"ף, רמב"ם, רבינו בחיי, טרעפט מען צום ערשטן מאל ווי זיי ברענגען נאך פון ספר הזוהר. און כאטש זיי דערמאנען נישט דעם ספר ביים נאמען, ברענגען זיי דאס בשם "מדרשו של רשב"י" אדער מדרש "יהי אור".

**אין** ספר זוהר חי (פר' וארא) שרייבט ער אז דער זוה"ק איז געשריבן געווארן דורך רבי אבא, און ווען ער איז געגאנגען קיין בבל האט ער מיטגענומען דעם ספר מיט זיך, און דער ספר איז געלעגן ביי די ראשי הדור וואס האבן דאס איבער געגעבן איינער פארן צווייטן נאר פאר ווער עס איז געווען ראוי דערצו.

**דער** ספר איז אויך געווען באהאלטן במשך די תקופה פון די גאונים, נאר הערשט נאכדעם וואס די ישיבות פון די גאונים זענען נאכגעלאזט געווארן זענען געווען געציילטע גדולי ישראל וואס צו זיי איז דאס נתגלה געווארן.

**כ"ק** מרן רביה"ק זי"ע אין ספה"ק ויואל משה (מאמר ישוב ארץ ישראל סי' מ"ח) זאגט אז כאטש אין רמב"ם געפונען מיר ווערטער וואס זייער מקור איז אין זוהר הקדוש, און וועגן דעם זענען דא וואס ווילן זאגן אז דער רמב"ם האט שוין געהאט דעם זוהר הק', אבער דער אמת איז אז דער זוה"ק איז הערשט נתגלה געווארן אסאך יארן נאך זיין פטירה, נאר דער רמב"ם האט געהאט אסאך מדרשים וואס מיר האבן נישט היינט, און אסאך מימרות פון זוהר ווערט אויך געברענגט אין די מדרשים, וואס זענען נאכגעזאגט געווארן דורך די תלמידים ותלמידי תלמידיו פון רשב"י, און פון דארט האט דער רמב"ם גענומען די מימרות. און היינטיגע צייטן האבן מיר שוין נישט די אלע מדרשים וואס דער רמב"ם האט געהאט און מיר האבן נאר דעם ספר הזוהר.

**דער** חיד"א אין שם הגדולים (ערך זוהר) שרייבט ווי אזוי דער ספר הזוהר איז נתגלה געווארן מן השמים "שהקרה ה' לפני מלך אחד ממלכי



מזרח שצוה לחפור במקום אחד על עסקי ממון, ונמצא שם ארון אחד ובו ספר הזוהר, ושלח לחכמי אומות העולם וחכמי אדום, ולא ידעו ולא יבינו, שלח אחר היהודים, באו אצלו וראו הספר ואמרו לו אדונינו המלך, זה הספר עשאו חכם אחד והוא עמוק ואין אנו מבינים אותו, אמר לי' וכי אין יהודי בעולם שמבין אותו, א"ל יש במדינת טוליטוליא, והמלך שלח הספרים עם גיבוריו לטוליטולא, וכשראוהו חכמי טוליטולא שמחו בו שמחה גדולה ושלחו למלך מתנות רבות ומשם נתפרסמה הקבלה בישראל".

**אין** די יארן נאכדעם וואס דער ספר הזוהר איז נתגלה געווארן איז געווען חילוקי דיעות צווישן די גדולי ישראל צי מ'זאל דרוקן דעם ספר אז זי זאל ווערן א נחלת הכלל, אדער מ'זאל דאס ווייטער האלטן בסתר און נאר מגלה זיין פאר יחידי סגולה חכמי הדור.

**די** עיקר סיבה פון דאס התנגדות צום דרוקן דעם זוהר איז געווען ווייל אין יענע תקופה האט דער פויבסט ימ"ש ארויסגעגעבן א גזירה צו פארברענען דעם תלמוד און אלע אידישע ספרים. און די גדולי ישראל האבן מורא געהאט אז אויב זאל יעצט פארשפרייט ווערן דער ספר הזוהר וועט זיך דער המון עם ארייגלייגן אין לימוד תורת הנסתר, און תורת הנגלה וועט ח"ו פארגעסן ווערן פון אידישע קינדער.

**עס** איז דא א צווייטע טעם פארוואס מ'האט גע'אסר'ט צו דרוקן דעם ספר הזוהר, וואס אויך דער מהר"ם פאדווא ז"ל איז אונטערגעשריבן אויף דעם איסור. אלס מורא אז די גוים וועלן זעהן אז די אידן דרוקן ווייטער נייע ספרים וועלן זיי דאס אויך פארברענען, און אלע כתבי הקודש וועלן זיין אין א סכנה.

**אבער** למעשה איז דער זוה"ק פארשפרייט געווארן בכל תפוצות ישראל, און אלע צדיקי אמת האבן זיך באצויגן דערצו מיט א חרדת קודש. ווי באקאנט שרייבט דער הייליגער דגל מחנה אפרים "ובני ישראל יוצאים ביד רמה" זאגט דער תרגום בריש גלי, ווייל אין זוה"ק שטייט "בספרא דא יפקון מן גלותא, אז מיטן ספר הזוהר וועט מען ארויסגיין פון גלות, דאס זאגט דער פסוק, ובנ"י יוצאים, אידן גייען ארויס פון גלות, ברי"ש גלי, ראשי תיבות רבן שמעון בר יוחאי.

**עס** איז דא א דעה אז דער רמב"ן האט געטראפן דעם ספר הזוהר אין ארץ ישראל, און ער האט דאס געשיקט קיין קטלוניא אין ספרד, און עס איז אנגעקומען צו די הענט פון רבי משה ד'ליאון, און מ'האט

דאס דארט געטראפן נאך זיין פטירה, און עס איז פון דארט נתפרסם געווארן איבער די וועלט.

**במשך** די יארן זענען געווען מערערים אויפן ספר הזוהר, כאטש וואס עס איז געווען א דבר פשוט אז נישט רשב"י אליין האט דאס געשריבן האבן זיי געהאט טענות וויבאלד עס איז נישט פעסט געשטעלט ווער עס האט דאס געשריבן.

**דער** יעב"ץ (בהגהות לס' יוחסין ע' כ"א ע"ב) שרייבט "והרב בחיי, שהיה תלמיד הרשב"א כידוע, גם מוכיח בשם רבו כמה פעמים שהוא ראה ס' הזוהר, ומביא לשון ממנו פ' משפטים עה"פ וכי ינצו אנשים, ומכנה אותו מדרשו של רשב"י".

## והלכה כרבי שמעון

**עס** איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז די הלכות וואס ווערט געברענגט אין זוהר איז שטארק מקובל און אנגענומען, טאקע וויבאחלד דאס איז מסודר געווארן א לענגערע תקופה נאכדעם וואס די ווערטער זענען ארויסגעקומען פון רשב"י, און די חכמים האחרונים האבן שוין געזעהן די משניות און די פסקי הלכות וואס זענען געווען במשך די יארן און לויט דעם האבן זיי געשריבן דעם ספר.

**דער** ספר יוחסין שרייבט "וכבר מוסכם בישראל שהדבר הנזכר בזוהר שאינו חולק על התלמוד ואינו מפורש בתלמוד מקבלים אותו להלכה, כגון אמן של גאל ישראל, וקידוש על היין בסעודה שלישית, כשיטת הרמב"ם איסור תפילין בחולו של מועד, ברכת המזון של יחיד שאינה צריכה כוס, ואפיית מצה של מצוה בערב פסח אחר שש שעות".

**ווי** עס קומט אויס פון די ספה"ק און דברי חכז"ל, איז פון די פטירה פון רשב"י פארבאטן געווארן צו לערנען סתרי תורה ברבים, און די תלמידי הרשב"י האבן די הייליגע דיבורים נאר איבערגעגעבן פון איינעם צום צווייטן, און מען האט דאס געהאלטן בסוד. און הערשט ממש אין די שפעטערדיגע דורות איז דער אור פון תורת הנסתר אלס מער נתגלה געווארן, סיי מיטן ספר הזוהר, און שפעטער ווען דער אריה"ק איז געקומען אויף דעם עולם און ער האט מגלה געווען אזויפיל סודות התורה אין חכמת הקבלה. די חכמה ווערט אנגענומען ווי אן הכנה צו די גאולה שלימה און ווי מער מ'דארף מתקן זיין די וועלט אז זי זאל גרייט זיין צו די גאולה, איז דא א גרעסערע התגלות אין די הייליגע חכמת הנסתר.

**אין** זוהר הק' (פנחס דף קכ"ה) "אמר רבי שמעון, חבריא, וודאי הקב"ה הסכים להיות עליונים ותחתונים עמנו בזה החיבור", דער רבש"ע האט זיכער מסכים געווען צו זיין מיט אונז אין די חברי', ווייל בסוף הימים וועלן די אלע סודות נתגלה ווערן דורך משה רבינו ע"ה אינעם לעצטן דור, פון בראשית ברא אלקים, "אשרי מי שישתדל בגלות האחרונה לדעת את השכינה ולהוקיר לה ככל המצות, ולסבול למענה כמה דחקיות".

**"בראשית"** איז ראשית תיבות "אור תורת רבן שמעון בן יוחאי", אויך דער זוה"ק הייבט זיך אן מיט דעם ווארט "בריש", וואס דאס איז ר"ת דער נאמען פון רשב"י (סדה"ר). און בזכות דעם ספר הזוהר וועלן אידן ארויסגיין פון גלות ביד רמה, ווי דער תרגום זאגט "בריש גלי", וואס איז אויך ר"ת דער נאמען פון רשב"י.

**דאס** גרויסקייט פון רשב"י אין די אויגן פון זיינע הייליגע תלמידים האט דאך נישט קיין שאץ און קיין ערך.

**ווען** רבי אבא און די חבריא קדישא האבן געזען רבי שמעון זענען זיי איהם נאכגעלאפן און געזאגט (הושע י"א י') "אחרי ה' ילכו כארי' ישאג".

## בעליונים ובתחתונים

**אין** זוה"ק (שמות דף ט"ו) ווערט דערציילט עס איז געווען אמאל ווען רבי שמעון איז געזעסן צוויי טעג מיטן זון רבי אלעזר, און זיי האבן נישט געגעסן און נישט געטרינקען, און זיי האבן מפרש געווען די סודות התורה, ווען רבי חייא איז געקומען צו רבי און ער האט אים דערציילט די מעשה, האט זיך רבי זייער געוואונדערט ווי אזוי דאס קען זיין במציאות.

**האט** אים זיין פאטער רבי שמעון בן גמליאל געזאגט "מיין קינד, רבי שמעון בן יוחאי איז א לייב, און זיין זון רבי אלעזר איז א לייב, און רבי שמעון איז נישט גלייך ווי אנדערע לייבן, אויף אים זאגט דער פסוק "ארי' ישאג מי לא יירא", און מה-דאך אויבן אין די עולמות העליונים ציטערט מען אזוי פון רבי שמעון, אנו על אחת כו"כ".

**האט** רשב"ג ארויסגעברענגט פאר זיין זון בשבחו פון רשב"י "רשב"י איז אזוי גרויס אז קיינמאל האט ער נישט גוזר תענית געווען אויף א זאך וואס ער האט געבעטן פונעם אייבערשטן און ער האט מתפלל געווען דערויף, ווייל ווי נאר ער האט גוזר געווען האט דאס כביכול מקיים געווען און ער האט דאס אים באלד נאכגעגעבן, פון די אנדערע

זייט ווען עס איז געווען סיי וועלכע גזירה וואס איז ארויס פון הימל, און ער האט דאס מבטל געווען האט דאס דער רבש"ע באלד נאכגעגעבן".

**א** מורא'דיגער לשון שטייט אין זוה"ק (פר' פינחס דף רמ"א ע"א) אמר רבי אבא, האט רבי אבא געזאגט, אלמלא לא היה נמסרה התורה בהר סיני, ווען עס וואלט ווען נישט געגעבן געווארן די תורה אויפן בארג סיני, אלא שהיה הקב"ה אומר הרי בר יוחאי התורה וסודות שלי", נאר דער אייבערשטער זאגט "איר האט דא בר יוחאי וואס ער זאל ענק איבערגעבן די תורה מיט אלע מיינע סודות וואס איז דא אין די תורה, האט די לעולם, וואלט דאס ווען אויך גענוג געווען פאר די וועלט, אוי כאשר תסתלק מן העולם מי יאיר נרות התורה, ווי ביטער וועט זיין ווען דו וועסט נפטר ווערן פון די וועלט, ווער וועט אנצינדן די ליכט פון די תורה, הכל יהיה נחשך מיום ההוא, אלעס וועט זיין פינסטער פון יענעם טאג און ווייטער, ווייל ביז ווען עס וועט קומען דער מלך המשיח וועט נישט זיין קיין דור אזוי ווי דער דור וואס רשב"י האט געווירקט אין אין איר.

**אין** זוהר הק' (פר' האזינו דף רפ"ז ע"א) שטייט אזוי: ווען משה רבינו האט געזאגט "האזינו השמים ואדברה" האבן אלע וועלטן אויפגעציטערט, איז ארויסגעקומען א קול פון הימל וואס האט געזאגט "משה משה, פארוואס מאכסטו טומלען די גאנצע וועלט,דו ביסט דאך א בן אדם, און וועגן דיר זאל די וועלט טומלען?". האט משה רבינו באלד געזאגט "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו", אז אלעס וואס ער זאגט איז כדי צו געבן כבוד פארן רבש"ע, אין יענע מינוט זענען אלע עולמות שטיל געווארן און יעדער האט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער.



# די פטירה פון רבן שמעון בן יוחאי - אדרא זוטא קדישא

**עס** איז געווען אינעם טאג וואס רשב"י האט געדארפט נסתלק ווערן פון די וועלט, זענען זיך צונויפגעקומען די חברים פון די הייליגע חברי' ביי אים. עס האבן זיך דארט געפונען זיין זון רבי אלעזר, רבי אבא, און די אנדערע חברים, און די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. (עי' זוה"ק פר' נשא, ובריש האדרא זוטא).

**רבי** שמעון האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האט געזעהן ווי דאס הויז איז פול, האט ער געוויינט און געזאגט "ווען עס איז געווען אמאל ווען איך בין קראנק געווען האב איך געהאט רבי פינחס בן יאיר, און ביז ווילאנג איך האב זיך אויסגעוועלט וואו עס זאל זיין מיין ארט אין גן עדן האט מען געווארט אויף מיר ביז דעמאלטס, ווען איך בין צוריק געקומען איז געווען א פייער וואס האט מיך ארום גענומען, און דאס פייער האט זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט, און עס האט צו מיר נישט געקענט אריינקומען קיין שום מענטש נאר אויב ער האט געהאט פון פאראויס רשות, און יעצט זעה איך ווי דער פייער האט זיך שוין אפגעשטעלט און דאס הויז איז געווארן פול מיט מענטשן. (אידרא ס' האזינו כ"ג).

**ווילאנג** די חברי' איז נאך דארט געזעסן האט רבי שמעון געעפענט זיינע הייליגע אויגן און ער האט געזעהן וואס ער האט געזעהן, און א פייער האט ארומגענומען דאס גאנצע הויז. אלע מענטשן וואס זענען דארט געווען האבן זיך באלד אויפגעהויבן און זיי זענען פון דארט אנטלאפן, און עס זענען נאר געבליבן זיין זון רבי אלעזר און רבי אבא, און די אנדערע חברים זענען געזעסן אינדערויסן. האט רבי שמעון באפוילן



אז רבי אלעזר זאל ארויסגיין זעהן אויב רבי יצחק איז דא, ווייל איך בין געווען 'ערב' פאר אים, זאג אים אז ער זאל זיך מסדר זיין זיינע ווערטער, און ער זאל אהער קומען זיצן נעבן מיר, וואויל איז זיין חלק".

**האט** זיך רבי שמעון אויפגעזעצט און ער האט געשמייכלט, און ער האט געפרעגט "וואו זענען די חברים?". איז רבי אלעזר ארויסגעגאנגען און ער האט זיי אלע אריינגעברענגט אינעווייניג צום טאטן און זיי האבן זיך אלע אוועק געזעצט פאר אים.

## די פטירה פון רבן שמעון בן יוחאי - ל"ג בעומר

**ווען** רבי שמעון האט דארט געזעהן זיינע גרויסע תלמידים זיצן פאר אים האט ער אויפגעהויבן זיינע הענט און ער האט מתפלל געווען א תפילה, און ער איז געווען זייער פריילעך זאגנדיג "נאר די חברים וואס געפונען זיך אינעם בית האידרא זאלן דא זיין יעצט".

**זענען** אלע ארויסגעגאנגען און עס זענען געבליבן אינעווייניג בלויז רבי אלעזר בנו, רבי אבא, רבי יהודא, רבי יוסי און רבי חייא. אינצווישן איז רבי יצחק אריינגעקומען האט זיך רבי שמעון אנגערופן צו איהם "ווי שיין איז דיין טייל, ווי פריילעך דארפסטו זיין אינעם היינטיגן טאג".

**רבי** אבא האט זיך אוועק געזעצט אונטער זיין רוקן און רבי אלעזר פון פארנט.



**האט** רבי שמעון אנגעהויבן צו רעדן צו זיינע הייליגע תלמידים, און ער האט זיי געזאגט "יעצט איז די צייט, עס איז אן עת רצון, איך וויל אריינגיין אינעם עולם העליון אן קיין בושה, עס זענען דא הייליגע דיבורים וואס איך האב ביז יעצט געהאלטן באהאלטן ביי מיר אין הארצן און איך האב דאס נישט מגלה געווען ביז היינט, און איך האב געטראכט צו קומען דערמיט פאר די שכינה אויף יענע וועלט, וויל איך מגלה זיין פאר די שכינה, כדי מ'זאל נישט זאגן אז איך בין נסתלק געווארן פון די וועלט מיט א חסרון, און איך האב נישט אטפלעגט די הייליגע סודות וואס מ'האט מיר מגלה געווען פון הימל".

**און** רבי שמעון האט תיכף ומיד מסדר געווען די תלמידים ווי אזוי זיי זאלן איבערנעמען פון אים די הייליגע סודות וואס ער גרייט זיך יעצט צו זאגן פאר זיי "רבי אבא זאל שרייבן, רבי אלעזר בני זאל לערנען מיטן מויל, און די אנדערע חכמים זאלן קלערן אין הארצן".

**רבי** אבא האט זיך אויפגעשטעלט פון דעם ארט וואו ער איז געזעסן אונטער רבי שמעון, און רבי אלעזר האט זיך געזעצט פון פארנט, האט אים רבי שמעון געזאגט "שטיי אויף מיין זון אלעזר, ווייל א צווייטער זיצט שוין אויף דעם פלאץ" ווען זיין כוונה איז געווען כלפי די שכינה הק', כביכול. רבי אלעזר האט זיך אויפגעשטעלט פון דארט.



**רבי** שמעון האט זיך מתעטף געווען און ער האט זיך אוועק געזעצט און ער האט אנגעהויבן צו זאגן מיטן פסוק "לא המתים יהללו קה ולא כל יורדי דומה", און ער האט מגלה געווען פאר זיינע תלמידים אז ביי די אידרא איז כביכול די שכינה הקדושה געקומען און זיך צוזאמען געזעצט מיט זיי און עס זענען אויך מיטגעקומען מיט זיי די צדיקים פון גן עדן.

**רבי** שמעון האט געזאגט פאר זיינע תלמידים זייער אפן "רב המנונא סבא איז דא... רבי פינחס בן יאיר איז דא... גרייט זיי צו א פלאץ".

**ווען** די חברים האבן געהערט די דיבורים זענען זיי דערשראקן געווארן, אז זיי דארפן דא מאכן פלאץ פאר די הייליגע נשמות פון די צדיקים וואס זענען געקומען פון גן עדן, און זיי האבן זיך אלע אוועקגערטוקט פון דארט ביז ווען זיי האבן זיך צוזאמען געשטופט ביי די ווינקלען פון הויז. און רבי אלעזר מיט רבי אבא זענען געבליבן זיצן פאר רבי שמעון.

**האט** רבי שמעון געזאגט "ביי די אידרא רבא זעהן מיר אז אלע חברים האבן געזאגט, און איך האב געזאגט אינאיינעם מיט זיי, יעצט וועל איך אליין זאגן און יעדער וועט שווייגן, און די עליונים ותחתונים אינאיינעם וועלן צוהערן צו די ווערטער וואס איך וועל זאגן, וואויל איז מיין חלק אין דעם היינטיגן טאג".

**האט** רבי שמעון אנגעהויבן מיטן פסוק (שה"ש ז' י"א) "אני לדודי ועלי תשוקתו", אז דער רבש"ע מיט די גאנצע פמליא של מעלה זענען געקומען הערן מיט גרויס שמחה די סודות הק' וואס ער איז מגלה, און דער לויב פון די 'עתיקא קדישא'.

**רבי** שמעון האט דאן גע'דרש'ענט א לענגערע צייט מורא'דיגע באהאלטענע סודות התורה, בשעת ווען די גאנצע חברייא קדישא שווייגט און יעדער הערט זיך צו צו די מורא'דיגע גילוים וואס רבי שמעון איז מגלה.

**צווישן** אנדערע האט רבי שמעון געזאגט "כל ימי הייתי מסתכל במקרא זה שכתוב (תהילים ל"ד ג') "בה' תתהלל נפשי ישמעו ענווים וישמחו", ועכשיו נתקיים המקרא כולו "בה' תתהלל נפשי" ווייל מיין נשמה איז



אנגעכאפט אינעם רבש"ע, עס איז דבוק און צוגעבינדן אינעם אייבערשטן, און מיט די השתדלות און דבקות וועט מיין נשמה אנקומען צו איר ארט, "ישמעו ענווים וישמחו" די אלע צדיקים, און די אלע בני היכלא מתיבתא קדישא פון אויבן אין הימל, און אלע צדיקים וואס זענען יעצט געקומען פון גן עדן מיטהאלטן און זיי הערן זיך יעצט צו מיינע רייד און זיי פרייען זיך מיט אונזער שמחה, "גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדיו" זאגט ער דעם לשון "שכשמתחברת המטרוניתא עם המלך, כל העולמות מתברכים ונמצאים בשמחה רבה".

**דאס** זענען ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן ביי דעם הימלישן מעמד, ווען עליונים ותחתונים זענען זיך צוזאמען געקומען צו באגלייטן רבן שמעון בן יוחאי, ווען זיין נשמה האט זיך געגרייט צו פארלאזן דעם עולם, און אריבערגיין צום עולם העליון.

**און** ער האט געענדיגט מיטן פסוק "כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם".

## בהאי קטירא אתקטר

**שטייט** אין זוה"ק פר' נשא "אמר רבי אבא, לא גמר בוצינא קדישא לומר חיים עד שנשתככו דבריו", רבי שמעון האט נישט געענדיגט אויספירן דעם פסוק און זאגן דאסווארט חיים ביז ווען זיינע ווערטער זענען פארשטילט געווארן, און איך האב די גאנצע צייט געשריבן און איך האב געוואלט ווייטער שרייבן, אבער איך האב נישט געהערט ווייטער קיין ווערטער, איך האב נישט אויפגעהויבן מיין קאפ צו קוקן וואס עס טוט זיך אין צימער, ווייל עס האט דארט געהערשט זייער א שטארקע ליכטיגקייט און איך האב נישט געקענט זעהן.

**אינצווישן** האב איך אויפגעציטערט, איך האב געהערט א קול וואס רופט און זאגט "כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך", און דאן האב איך געהערט א צווייטן קול וואס האט געזאגט "חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד". און במשך יענעם גאנצן טאג האט זיך נישט אפגעשטעלט דאס פייער וואס האט געברענט אין שטוב, און עס איז נישט שייך געווען אז מ'זאל קענען צוגיין נענטער צו רבי שמעון צוליב די גרויסע לעכטיגקייט, און די לעכטיגקייט און פייער וואס האט אים ארומגענומען. און במשך יענעם גאנצן טאג בין איך אראפגעפאלן אויף דער ערד.

**און** נאכדעם וואס די פייער האט זיך אפגעטון, האב איך געזעהן די גרויסע לעכטיגקייט, קודש הקדשים, וואס האט זיך אפגעטון פון די וועלט, ער איז געווען איינגעוויקלט, ער איז געלעגן אויף זיין רעכטע זייט, און זיין פנים האט געשמייכלט.(עי' זוה"ק נשא דף קצ"ז ע"א).

**זאגט** ווייטער רבי אבא "האט זיך אויפגעשטעלט זיין זון רבי אלעזר און ער האט גענומען זיינע הענט און ער האט דאס געקושט, און איך האב געלעקט די שטויב וואס איז געווען אונטער זיינע פיס, די חברים האבן געוואלט וויינען, אבער זיי האבן נישט געקענט ארויסרעדן קיין ווארט פון מויל".

**די** חברים האבן אלע אויסגעבראכן אין א געוויין, רבי אלעזר זיין זון איז דריי מאל געפאלן צו דער ערד און ער האט נישט געקענט עפענען זיין מויל, ביז ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן "אבי אבי, עס זענען געווען דריי איינאיינעם אויף די וועלט (דער זיידע רבי פינחס בן יאיר, רבן שמעון בן יוחאי, און ער, רבי אלעזר) און עס איז יעצט געבליבן איינער אליין".

**מיט** גרויס צובראכענקייט האט רבי אלעזר געשריגן אז יעצט נאך די פטירה פון זיין הייליגן טאטן, "תנודדנה החיות, ועופי השמים ישתקעו בנוקבי ים הגדול, והחבריא כולה שותתת דם".

**האט** זיך רבי חייא אויפגעשטעלט אויף די פיס און ער האט געזאגט "עד עכשיו היה בוצינא קדישא משגיח עלינו", ביז יעצט האט דאס הייליג לעכטל פון רבי שמעון זיך אומגעקוקט אויף אונז, עתה אין הזמן אלא להשתדל ביקרו", יעצט איז נישט קיין צייט נאר מיר דארפן זעהן זיך אפצוגעבן מיט זיין כבוד, און אים ברענגען למנוחתו האחרונה.

**רבי** אלעזר מיט רבי אבא האבן זיך אויפגעשטעלט און זיי האבן גענומען רבי שמעון אויף א בעט וואס איז ווי א לייטער, "ומי הוא שראה בלבול הדעת של החברייא, און די גאנצע הויז האט זיך געשפירט זייער איינגענעמע ריחות, אזוי האבן זיי אים ארויפגעברענגט אויפן בעט, אבער עס האבן אים נישט משמש געווען נאר רבי אלעזר מיט רבי אבא.

**אינצווישן** האט אויסגעבראכן א קאמף מיט "מכים ובעלי מגינים" פון כפר ציפורי, וואס האבן זיך פארמאסטן צו וועלן נעמען די מטה פון רבן שמעון מיט שטארקקייט און איר באערדיגט אין ציפורי, און עס האט אויסגעבראכן געפעכטן ווען צום סוף האבן זיי די בני מירון פארטריבן. דאס האט געברענגט צו קולות און קריגערייען.

## אין מירון ליגט רבי שמעון!

**ווען** די מטה איז ארויסגעגאנגען פון שטוב איז די גאנצע מטה ארויף אין די לופטן, און עס איז געווען א ברענענדיגע פייער וואס איז געגאנגען פאראויס אויפן וועג, און מען האט געהערט א קול וואס האט אויסגערופן "הכנסו ובואו, והתקבצו להילולא דרבי שמעון! יבא שלום ינוחו על משכבותם".

**ווען** דער ארון הקודש איז אנגעקומען צו די מערה אין כפר מירון, האט מען ארויסגעהערט א קול וואס איז ארויסגעקומען פון די מערה "זה האיש מרעיש הארץ, מרגיש ממלכות, כמה מקטריגים ברקיע משתתקים ביום זה בשבילך, זהו רבן שמעון בן יוחאי שאדונו משתבח בו בכל יום, אשרי חלקו למעלה ולמטה, כמה אוצרות עליונים גנוזים לו, עליו נאמר "ואתה, לך לקץ, ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין".

**אזוי** שילדערט דער הייליגער אדרא זוטא קדישא, די הסתלקות פון רבי שמעון בן יוחאי.

**רבן** שמעון בן יוחאי איז באהאלטן געווארן אין כפר מירון, נישט ווייט פונעם קבר פון רבי יוחנן הסנדלר, אין א ביהמ"ד וואס האט נישט געהאט קיין דאך, אינעווייניג איז געווען א מציבה, רבן שמעון האט מען געלייגט דרום זייט, און שפעטער האט מען דארט אויך געלייגט זיין זון רבי אלעזר צו די מערב זייט (עי' בסדה"ד בשם ספר גא"י).

**דערציילן** חכמינו ז"ל אין די הקדמה צום ספר הזוהר (מאמר חזוותא דרבי חייא) ווי אזוי רבי חייא הגדול האט זיך משתטח געווען אויף דער ערד, און ער האט געקושט די שטויב, און ער האט געוויינט און



געזאגט "כפר עפר, ווי הארט-נעקיג ביסטו, ווי חוצפה'דיג ביסטו אז אלע גלוסטענישן פון די וועלט ווערן פארפוילט אין דיר". האט ער ווייטער געזאגט "האלט זיך נישט גרויס ערד, די זיילן פון די וועלט ווערן נישט איבערגעגעבן ווערן פאר דיר, רבי שמעון וועט נישט פארפוילט ווערן אין דיר".

**רבי** חייא האט זיך אויפגעשטעלט און ער איז געגאנגען וויינענדיגערהייט, און רבי יוסי איז מיטגעגאנגען מיט אים, און פון יענעם טאג און ווייטער האט ער געפאסט במשך פערציג טעג אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן רבי שמעון אין זיין וועלט.

**האט** מען אים געזאגט פון הימל "דו ביסט נישט כדאי אז דו זאלסט קענען זעהן רבי שמעון" האט ער געפאסט נאך פערציג טעג, ביז ווען מען האט אים געוויזן רבי שמעון מיטן זון רבי אלעזר אויף זייער ארט אין הימל, און זיי זענען עוסק אין די סתרי תורה וואס רבי יוסי פלעגט נאכזאגן אין זיין נאמען אויף די וועלט, און טויזנטער הערן זיך צו צו זיינע ווערטער, ביז ווען ער האט געזעהן גרויסע פליגלעך וואס טראגן אים ארויף אלס העכער אין מתיבתא דרקיע.

**דערציילט** די גמרא איז געווען א מעשה מיט רבי יושע בן לוי וואס האט באגעגענט אליהו הנביא שטייענדיג ביים טיר פון די מערה פון רשב"י, און ער האט אים געפרעגט "וועל איך זוכה זיין צו עולם הבא", האט ער אים געענטפערט "אויב דער האר וועט וועלן" (ווי רש"י זאגט אין סנהדרין, איז די שכינה בכיכול געווען דארט מיט זיי). האט ריב"ל געזאגט "שתים ראיתי וקול שלשה שמעתי" וויל עס זענען דארט געשטאנען נאר צוויי מענטשן, ריב"ל מיט אליהו, אבער מ'האט געהערט א דריטע קול אויך.



# ל"ג בעומר לדורותי'

**דער** מקום מנוחה פונעם תנא האלקי רשב"י איז פון דעם טאג און ווייטער פארוואנדלט געווארן אלס א ארט וואו טויזענטער אידן קומען כסדר ארויף בכל עת ובכל זמן, בפרט אינעם גרויסן טאג ל"ג בעומר מעתיר ומתחנן זיין און אין די זעלבע צייט זיך פרייען מיט די גרויסע שמחה פון די הילולא קדישא.

**די** ספרים הק' זענען מרחיב הדיבור במעלת וקדושת היום באופן נורא מאד, אז מ'האט דאס צוגעגליכן צו די געהויבענע ימים טובים, ווען דער הייליגער רבי אברהם קאליסקער זי"ע פלעגט זיך טובל'ען ל"ג בעומר אינדערפרי, האט ער אויסגערופן מיט גרויס התלהבות "הריני מקבל עלי קדושת היום".

**הרה"ק** ר' חיים וויטאל זי"ע דער גרעסטער תלמיד פון אריה"ק שרייבט אז זיין רבי דער אריה"ק פלעגט ארויפגיין קיין מירון מיט אלע תלמידים, און ער האט דארט געמאכט פיאות פאר זיין קינד.



**דער** בני יששכר שרייבט אז 'שמעתי מאנשי אמת' אז די שמחה אין ל"ג בעומר אויפן ציון פון רשב"י איז למעלה מדרך הטבע.

**עס** ווערט געברענגט אין נאמען פון הגה"ק דער שר שלום פון בעלזא זי"ע, אז ל"ג בעומר איז אזוי גרויס ווי יום כיפור. דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל מעזעבוז'ער זי"ע האט זיך נוהג געווען צו מאכן א סיום אויפן זוהר הקדוש אין ל"ג בעומר, דערנאך האט ער גענומען דעם זוהר אין די האנט, און ער האט דאס ארומגענומען אפאר שעה, און עס געקושט, זאגענדיג "איך קען דיך, און דו קענסט מיך". איינמאל האט ער זיך אנגערופן

"אויב מיין זיידע דער בעל שם טוב איז געווען ווי רבן שמעון בר יוחאי, בין איך רבי אלעזר בן רבי שמעון".

**איינמאל** ביי די הקפות פונעם קאזניצער מגיד איז געווען א מורא'דיגע התלהבות, און ער האט געזאגט אז דאס איז ווייל זיין טאטע ר' שבתי איינבינדער, זיצט אין גן עדן אינעם היכל פון יוחאי דער פאטער פון רבי שמעון. ווען עס איז געווען ל"ג בעומר האט ר' שבתי געבעטן יוחאי זאל אים מיטנעמען צו די גרויסע שמחת הילולא פון זיין זון רבי שמעון, האט ער מסכים געווען בתנאי אז ר' שבתי זאל אים מיטנעמען צו די הקפות פון זיין זון דער קאזניצער מגיד.



**האט** דער מגיד געענדיגט "צוליב דעם איז יעצט געווען אזא גרויסע התעוררות, ווייל מיר האבן דא געהאט אזעלכע חשוב'ע געסט, מיין טאטע ר' שבתי מיט יוחאי דער פאטער פון רבי שמעון". אינטערעסאנט איז אז ר'בן ש'מעון ב'ן י'וחאי, איז די זעלבע אותיות ווי ר'בי י'שראל ב'ן ש'בתי.

**עס** ווערט געברענגט אין ספר משוש כל הארץ, אז הרה"ק ר' משה ראזוואדאווער זי"ע, האט געזאגט "קיין שום טאג אין יאר איז מיר נישט אזוי גוט ווי דער טאג ל"ג בעומר". איינמאל ל"ג בעומר פארנאכטס האט ער געזאגט א שאד אז די זון גייט שוין אונטער, הלואי וואלט איך געהאט די מעגליכקייט אפשטעלן די זון אויף אביסל, לכבוד די הייליגקייט פון דעם טאג".

**דער** הייליגער בני יששכר זאגט "עס האבן מיר געזאגט אנשי אמת, אז די שמחה פון ל"ג בעומר ביים ציון פונעם הייליגן תנא רבן שמעון בר יוחאי איז א שמחה שלא כדרך הטבע.



## פרק ק"ח
# רבי אלעזר בן רבי שמעון

## רבי אלעזר בר שמעון

**דער** הייליגער תנא רבי אלעזר ברבי שמעון בן יוחאי, איז מורא'דיג נקדש ונערץ ביי כלל ישראל עד היום הזה, זיין גורל האט ער געטיילט אינאיינעם מיט זיין הייליגן טאטן, אינאיינעם מיטן טאטן איז ער געווען באהאלטן 13 יאר אין די מערה, און אין יענע תקופה וואס רשב"י איז געווען עלה ונתקדש כמלאכי קל איז רבי אלעזר דערביי געווען און ער האט דאס מיטגעהאלטן און ער איז מיטגעשטיגן די אלע מעלות בקודש.

**רבי** אלעזר האט זוכה געווען אז מנוחתו כבוד איז אין די מערה פון רבי שמעון, די רבבות אלפי ישראל וואס זענען כסדר עולה קיין מירון און זיי קומען מתפלל זיין אויפן ציטון הרשב"י זענען אלע אויגן אין די מערה פון רבי אלעזר, און גאר גרויסע זאכן זענען דא וואס דער גרויסער טאטע האט מעיד געווען במעלתו פון זיין הייליגן זון.

**עס** פעלט זיך נישט אויס מער ווי די הייליגע מימרא אין די גמרא (סוכה דף מ"ה ע"ב) ווי אזוי רבי שמעון האט זיך אויסגעדרוקט "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין מיום שנבראתי עד עתה, ואלמלי אלעזר בני עמי מיום שנברא העולם ועד סופו", רבי שמעון האט געזאגט אז ער האט די כוחות אליין צו פטר'ן די גאנצע וועלט פון די דינעים ועונשים, אלעס מיטן כח פון זיינע זכותים, און אויב זאל מען צורעכענען און צוזאמען שטעלן אויך די זכותים און כוחות פון זיין זון רבי אלעזר קען ער פטר'ן די וועלט פון אלע דינים פון דעם טאג וואס די וועלט איז באשאפן געווארן ביזן היינטיגן טאג.

**רבי** אלעזר איז אלס געווען מיט זיין טאטן רשב"י אינאיינעם און ער האט פון אים אזויפיל מקבל געווען במעלות התורה, ווען רבי אלעזר האט אמאל גערעדט מיט רבי איבער די אלע אומצאליגע ענינים וואס ער האט געלערנט און מקבל געווען פון זיין טאטן האט ער זיך אויסגעדרוקט (ירושלמי שבת פ"י ה') "שמשתי את אבי עומדות, מה שלא שימשתם ישיבות" איך האב מיין טאטן משמש געווען און געלערנט פון אים תורה שטייענדיג אויף די פיס מער וויפיל איר האט פון אים געהערט ווען איר זענט געזעסן פאר אים און געלערנט פון אים תורה בדרך קבע.

**רבי** אלעזר איז געווארן אן איידעם ביי רבי שמעון בר יוסי.

**ווען** ער איז אלט געווארן דרייצן יאר האט רבי שמעון געמאכט א גרויסע סעודה, און ביי יענע סעודה האט רבי שמעון מעיד געווען אז "ביום הזה ירדה נשמה קדושה עילאה אל רבי אלעזר בני", אין דעם טאג איז אראפגעקומען א העכערע געהויבענע נשמה צו מיין זוהן רבי אלעזר און ער האט אים געזאגט דעם לשון "שב בני שב, כי ביום הזה אתה קדוש ובגורל הקדושים" (זוה"ח מדרש הנעלם י"ד ע"א). אמר רבי שמעון "ברוך בני להקב"ה שעליך נאמר ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך, ישמח אביך שלמעלה, ואמך זו כנסת ישראל, ותגל יולדתך זו בתו של רבי פינחס בן יאיר חסידא". (עי' בזוה"ק פנחס תקל"ב).

**רבי** אלעזר איז געווען ווי א חברותא און א שותף צו זיין גרויסן הייליגן טאטן רבי שמעון אין זיין עסק אין תורת הנסתר. ווי חכמינו ז"ל (בהקדמת ספר הזוהר) דערציילן וואס עס איז געווען ווען רבי אלעזר ברבי שמעון איז געגאנגען זעהן זיין שווער רבי יוסי בן ר' שמעון בן לקוניא, און צוזאמען מיט איהם איז מיטגעקומען רבי אבא, און עס איז געווען נאך א מענטש וואס האט געריטן אויף אן אייזל און ער האט געריטן אונטער זיי. האט זיך רבי אבא אנגערופן "לאמיר עפענען די טויערן פון די תורה, ווייל יעצט ווען מיר זענען אויפן וועג איז די ריכטיגע צייט דערצו". און ווי עס ווערט דארט דערציילט אין זוהר האבן זיי דארט עוסק געווען אין סתרי תורה אויף א מורא'דיגן אופן און עס איז דארט ארויסגעקומען פון זיי מורא'דיגע סודות.

**זיי** האבן אנגעהויבן עוסק צו זיין אין די סודות התורה וואס איז געווען ביי עבודת המשכן, אין אנהויב פון תורת כהנים, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט 'שכן כיתרון האור מן החושך היו הדורות הראשונים כלפי הדורות האחרונים'.

**האט** רבי אלעזר אנגעהויבן צו זאגן 'שאל לך אות מעם ה' אלקיך העמק שאלה או הגבה למעלה' (זוהר ריש ויקרא). און ער האט געענטפערט "איך האב געקוקט אין די דורות הראשונים און אין די דורות האחרונים, און איך האב געזעהן וואס עס איז דער חילוק צווישן די דורות הראשונים און די דורות האחרונים, די דורות הראשונים האבן געוואוסט און געקוקט אין די חכמה עילאה, ארון זיי האבן געוואוסט ווי אזוי צו מצרף זיין די אותיות וואס איז געגעבן געווארן פאר משה רבינו ביים בארג סיני, און אפילו די רשעים וואס זענען דעמאלטס געווען ווי אחז, וואס דער נביא

האט איהם געזאגט 'שאל לך אות', האבן אלע געוואוסט צו זאגן אין די חכמה עליונה, און זיי האבן אויך געוואוסט אין די אותיות עליונות און די אותיות תחתונות, להניח עליהם פעולות בעולם הזה".

**אין** יענע פריערדיגע דורות האבן אלע עוסק געווען אינעם סוד האותיות, אזוי געפונען מיר ביי אחז, און אויך ביי רחב (יהושע ב' י"ב) "ונתתם לי אות אמת". און זיי האבן אלע געהאט א שטארקע און טיפע ידיעה אין די סודות התורה, און זיי האבן זיך באנוצט מיט סתרי תורה כסדר.

**רבי** אלעזר איז געווען פון די חבורה פון רבינו הקדוש, און ער האט זיך געציילט צווישן די לעצטע תנאים, און ער ווערט אסאך דערמאנט אין די משניות. ער האט געהאט זיין ישיבה מיט זיינע תלמידים מיט וועמען ער האט געלערנט און וואו ער האט מרביץ תורה געווען, און זיי זענען אנגערופן געווען 'דבי רבי שמעון בן אלעזר' (עי' במס' תמורה דף ד'), און אין די ווערטער פון חכמינו ז"ל זענען געבליבן פון איהם מערערע ווערטער וואס זענען פארצייכנט געווארן משמו אויף לדורות עולם.

**צווישן** די טייערע ווערטער וואס רבי אלעזר האט געזאגט געפונען מיר די מימרא "כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע" פונקט ווי עס איז א מצוה צו זאגן און מעורר זיין איבער א זאך וואס וועט דערהערט ווערן און אויסגעפאלגט ווערן איז אויך א מצוה זיך צוריק צו האלטן און נישט זאגן א זאך וואס מ'וועט נישט הערן און נישט פאלגן" (במס' יבמות דף ס"ה ע"ב).

## רבי אלעזר מיט רבי

**אין** מס' שבת (דף ל"ב ע"ב) געפונען מיר אויך אז רבי האט געהאט א מיינונג אין א געוויסן ענין און ווען ער איז געוואויר געווארן אז רבי שמעון בן אלעזר האלט אנדערש האט ער צוריק געצויגן און ער האט געטוישט זיין מיינונג.

**עס** איז געווען א מעשה אז רבי איז געגאנגען מיט רבי אלעזר ביי פילי, דאס איז געווען א טויער אויסער די שטאט טברי', און זיי האבן דארט געזעהן אן ארון פון א מת וואס מ'האט געברענגט פון חוץ לארץ, אז מ'זאל דעם נפטר באערדיגן אין ארץ ישראל, האט זיך רבי אנגערופן "וואס האט דער מענטש אויפגעטון אז זיין נשמה איז ארויסגעגאנגען אין חוץ לארץ און ער קומט אז מ'זאל אים באערדיגן אין ארץ ישראל,

איך ליין אויף אים דעם פסוק (ירמי' ב' ז') "ונחלתי שמתם לתועבה" בחייכם, ווען עטס האטס געלעבט האט עטס ממאס געווען אין ארץ ישראל און עטס זענטס נישט געקומען דא וואוינען, "ותבואו ותטמאו את ארצי" במיתתכם", ביים שטארבן קומט עטס ארויף דא צו מטמא זיין מיין לאנד.

**אויף** דעם האט זיך רבי אלעזר אנגערופן און ער האט געזאגט "כיון שהוא נקבר בארץ ישראל, הקב"ה מכפר לו דכתיב (דברים ל"ה מ"ג) וכפר אדמתו עמו" (ב"ר סוף צ"ו).

## כוחו של רבי אלעזר

**ווי** עס איז שוין דערמאנט געווארן אין א פריערדיג קאפיטל איז רבי אלעזר געווען א נאנטער חבר מיט רבי ישמעאל ברבי יוסי, און ער איז אויך געווען שטארק דיק אזוי ווי ער (ב"מ דף פ"ד ע"א) ער איז געווען א שטארקער בעל כח ווי מ'האט זיך מאויף איהם אויסגעדרוקט מיטן פסוק אין שיר השירים (פ"ה י"ז) "ידיו גלילי זהב".

**עס** ווערט דערציילט א מעשה אז עס זענען אמאל געקומען צו אים א גרופע מיט חמרים וואס האבן געוואלט קויפן תבואה, און זיי האבן איבערגענעכטיגט אין שטוב פון זיין פאטער רבן שמעון בן יוחאי, האבן זיי דארט געזעהן ווי רבי אלעזר זיצט נעבן אויוון, און זיין מאמע האט געהאלטן אין איין איבערדרייען די ברויט אינעם אויוון און ער האט געגעסן דערפון, זי האט אריינגעלייגט נאך א ברויט אין אויוון, מרדה געווען, ארויסגענומען, און זי האט דאס באלד דערלאנגט פאר רבי אלעזר און ער האט דאס אויפגעגעסן, ביז ווען ער האט אויפגעגעסן די אלע ברויטלעך וואס די מאמע האט געבאקן. עס איז געווען א גרויסער חידוש פאר די חמרים, זיי האבן נאכנישט געזעהן אז עס זאל זיין א מענטש וואס זאל קענען עסן אזויפיל, האבן זיי זיך אנגערופן "אוי, עס מוז זיין אז א שלעכטער שלאנג געפונט זיך אינעווייניג אין די געדערים פון דעם מענטש, אז ער קען אזויפיל עסן און ער ווערט נישט פארטיג צו עסן".

**רבי** אלעזר האט געהערט זייערע ווערטער וואס זיי האבן גערעדט צווישן זיך, אבער ער האט גארנישט רעאגירט, הערשט נאכדעם וואס זיי האבן מיט איהם געמאכט די געשעפטן, און זיי האבן איינגעקויפט די תבואה, האט רבי אלעזר גענומען זייערע אייזלעך און ער האט דאס ארויפגעטראגן אויפן דאך.

**די** חמרים קומען ארויס מיט זייערע סחורה, זיי ווילן אנלאדענען די אייזלעך און זיי טרעפן דאס נישט, זיי האבן אנגעהויבן צו קוקן און צו זוכן ביז ווען זיי האבן געזעהן ווי אלעס געפונט זיך אויבן אויפן דאך, האבן זיי אנגעהויבן צו קלערן צווישן זיך ווי אזוי איז מעגליך אזא זאך אז אזויפיל אייזלעך זאלן אנקומען אויף א דאך, און זיי האבן פארדעכטיגט אז רבי אלעזר האט דא געהאט א יד איז די פאסירונג. זענען זיי געקומען צו רבי שמעון בן יוחאי און זיי האבן אים דערציילט וואס עס האט דא פאסירט, ווי אזוי זיי האבן באטראכט ווי אזוי רבי אלעזר עסט, און וואס עס איז געווען זייער רעאקציע, און יעצט האבן זיי נישט זייערע אייזלעך, און זיי האבן געבעטן הילף.

**רבי** שמעון האט זיי שטארק פארגעהאלטן אויף דעם וואס זיי האבן זיך ערלויבט צו ווערטלען אויפן חשבון פון זיין זון רבי אלעזר, און ער האט זיי געפרעגט "ער האט דען געגעסן פון ענק? איר זענט דען מחויב אים צו שפייזן אז איר מאכט אן עסק וויפיל ער עסט?! דער באשעפער וואס האט אים באשאפן האט אים אויך צוגעשטעלט זיין שפייז וואס ער זאל עסן און וויפיל ער זאל עסן, און וואס איז דאס ענקערע דאגות צו באטראכטן זיין סדר פון עסן?!. אבער רבי שמעון האט רחמנות געהאט אויף זיי האט ער זיי געזאגט אז זיי זאלן איבערגעבן פאר רבי אלעזר אין זיין נאמען אז ער האט באפוילן אז ער זאל זיי צוריק געבן זייערע אייזלען".

**דערציילן** חכמינו ז"ל אז רבי אלעזר האט זיי צוריק געברענגט די אייזלען, אבער דעמאלטס האבן זיי נאכמער געזעהן זיינע געוואלדיגע כוחות, ווייל אין די צייט ווען ער האט ארויפגעטראגן די אייזלען האט ער ארויפגעטראגן איינס אויף אמאל, יעצט ווען ער האט זיי אראפגעברענגט האט ער געברענגט צוויי אויף איין מאל, ווייל ער האט זיי געוואלט צייגן זיינע געוואלדיגע כוחות וואס ער האט געהאט.

**אבער** חכמינו ז"ל זאגן אז ווי נאר ער האט זיך אריינגעווארפן אין תורה, און ער האט גענומען אויף זיך דעם עול תורה, ויט שכמו לסבול, האט ער אזוי שטארק פארלוירן זיינע פיזישע כוחות, אז ער האט אפילו נישט געהאט קיין כח צו קענען דערהייבן זיין אייגענעם בגד איז אים אויך שווער געווען אז ער זאל דאס קענען טראגן אויף זיך.

**רבי** אלעזר האט געלערנט תורה אינאיינעם מיט רבי האט ער מקבל געווען פון מויל פון רבן שמעון בן גמליאל הנשיא, און ווירקליך איז

ער געווען גרעסער ווי רבי בתורה ובמעשים, נאר עס האט אין אים פוגע געווען די גזירת המלכות, ווען ער האט מיט זיי גערעדט איבער די ענינים וואס האט נוגע געווען צו מלוכה, און ער האט זיך געמוזט בהכרח צושטעלן צו זייערע באפעלן, וואס דאס האט צום סוף גערבריינגט אז ער האט מקבל געווען אויף זיך יסורים של אהבה.

## רבי אלעזר מיט די גנבים

**דערציילט** די גמרא אין מס' בבא מציעא (דף פ"ג ע"ב) עס איז געווען אמאל ווען רבי אלעזר האט זיך באגעגענט מיטן ממונה וואס איז געווען געשטעלט פונעם קעניג אויפן תפקיד אז ער זאל כאפן די גנבים, און רבי אלעזר האט איהם געפרעגט "דו האסט דאך צו טוהן מיט געניטע גנבים, פיפיגע פארברעכער, ווי אזוי קענסטו זיך אן עצה געבן זיי צו טרעפן און כאפן, זיי זענען דאך ווי חיות וואס דרייען זיך אין די גאסן נאר ביינאכט, און איבערן טאג לעבן זיי אין זייערע באהאלטענע לעכער? און פון וואו ווייסטו אפשר קומט אויס אמאל אז דו האסט געכאפט א צדיחק, און דו האסט פריי געלאזט א רשע?".

**דער** באאמטער האט אים נישט געהאט וואס צו ענטפערן און ער האט אים געפרעגט "אדרבא, וואס פארא עצה קענסטו מיר געבן אז איך זאל וויסן וואס איך האב צוטוהן?".

**זאגט** אים רבי אלעזר "איך וועל דיר געבן אן עצה און איך וועל דיך אויסלערנען גענוי וואס דו האסט צו טוהן, ווען עס איז פיר שעה אויפן טאג גיי אריין אין א רעסטוראנט, אויב זעהסטו א מענטש טרינקט ווין און ער האלט דעם גלאז אין זיין האנט און ער דרימלט, זאלסטו זיך פאראינטערעסירן אויף איהם ווער ער איז, אפשר איז ער א תלמיד חכם וואס ער איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט צו לערנען תורה, און וועגן דעם איז ער יעצט אפגעמוטשעט און מיד, אפשר איז ער א שכיר יום, א שווערער ארבעטער און ער איז אויפגעשטאנען פרי צו דער ארבעט, אדער קען זיין אז ער ארבעט ביינאכט און יעצט האט ער שוין געענדיגט זיין ארבעט, אויב ער איז נישט קיין איינס פון די אלע זאכן מוז זיין אז ער איז א גנב, און ער ארבעט ביינאכט די גנב'אישע ארבעט, און דו זאלסט אים תיכף כאפן און ארעסטירן".

**ווען** עס איז אנגעקומען צו די אויערן פון די מלוכה די עצה וואס רבי אלעזר האט געגעבן, האבן זיי באפוילן 'קריינא דאיגרתא איהו להוי

פרוונקא', דער וואס האט געגעבן די עצה זאל זאס אליינס אויספירן, און זיי האבן אים געשטעלט אויף די פאזיציע אז ער זאל מוזן כאפן די גנבים צווישן די אידן.

**דאס** איז געווען זייער א ווייטאגליכע ארבעט, רבי יהושע בן קרחה האט אים דאן געשיקט א שארפע שליחות "חומץ בן יין, עד מתי אתה מוסר עמו של אלקינו להריגה", און רבי אלעזר האט געענטפערט "קוצים אני מכלה מן הכרם", אז ער נעמט נאר ארויס די שוואכע און אפפאל פון צווישן די אידן און עס איז נישט אזוי געפערליך.

**אויף** דעם האט רבי יהושע געענטפערט "דאס איז נישט דיין פליכט, יבא בעל הכרם ויכלה את קוציו"...

**ווי** מיר זעהן פון די גמרא אין בבא מציעא (דף פ"ג ע"ב, וע' בירושלמי פ"ג ד') איז רבי אלעזר אנגעגאנגען מיט די ארבעט במשך לאנגע יארן, ווען עס איז געווען זיין אויפגאבע מטעם הממשלה נאכצוגיין די גנבים און פארברעכער און זיי ברענגען צו גערעכטקייט.

## מעניש געווען דעם חציף

**אין** איינע פון די טעג האט ער באגעגענט א געוויזן וועשער וועלכער האט אים נאכגעשריגן "חומץ בן יין". טראצדעם וואס אויך פון זיינע חברים די הייליגע תנאים האט ער געהערט דעם אויסדרוק ווען זיי זענען אומצופרידן געווען פון זיין ארבעט, אבער יעצט ווען א פראסטער מענטש, א עם הארץ, זאל אים נאכשרייען מיט דעם אויסדרוק, דאס האט אים זייער נישט געפאלן, און ער האט געמאכט א מסקנא "מדחציף כולי האי שמע מינה רשיעא הוא", אויב איז ער אזא עזות פנים און ער טרויט זיך מיך אזוי נאכצושרייען מוז זיין אז ער איז אליין א רשע, און נאר אזוי האט ער אין זיך אזויפיל חוצפה, און ער האט ארויסגעגעבן א באפעל אז מען זאל אים כאפן און מ'זאל אים לייגן אין תפיסה. וכך הוה מ'האט געכאפט דעם וועשער און מען האט אים ארעסטירט.

**שפעטער** ווען רבי אלעזר האט זיך בארוהיגט פון די מעשה האט ער אים געוואלט מוחל זיין, און ארויסנעמען פון תפיסה, אבער ווען ער איז אהינגעגאנגען האט ער שוין נישט מצליח געווען ווייל עס איז שוין געווען נגמר דינו ר"ל און מען האט אים געפירט צו די תלי' און ער האט שוין גארנישט געקענט טוהן, האט ער געליינט אויף זיך

דעם פסוק (משלי כ"א כ"ג) "שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו", אז ווען מען האלט זיך איין דאס מויל, דאן ווערט מען אפגעהיטן פון צרות.

**נאכדעם** וואס מ'האט געפירט דעם וועשער צו די תלי' איז רבי אלעזר געווען זייער צובראכן, ער האט געהאט ביי זיך אן הרגשה אז ער האט נישט ריכטיג געהאנדלט, און ער האט מורא געהאט אז דא איז געווען די רעדע איבער אן אומשולדיגן מענטש וואס האט זיך אמאל צו'חוצפה'עט און ער איז דערפאר אומגעברענגט געווארן, האט ער זיך געשטעלט אונטערן בוים פון די תלי' און ער האט דארט ביטערליך געוויינט.

**ווען** מענטשן האבן געזעהן זיין צובראכנקייט, האבן זיי אים געוואלט בארוהיגן, אז ער זאל כאטש וויסן אז דער פארשוין איז ווייט נישט הגעווען קיין גרויסער צדיק, און זיי האבן אים דערציילט "רבי, אל ירע בעיניך, עס זאל דיר נישט אזוי ליידט טוהן אויף דעם מענטש, ווייל עס איז זיך אים סיי ווי געקומען מיתה ווייל ער איז א גרויסער בעל עבירה, אזוי ווייט אז ער מיט זיין זוהן האבן בועל געווען א נערה המאורסה ביום הכיפורים, ממילא האט ער באקומען זיין כשר פארדינטן עונש, און די ס"ה פון ש"מ רשיעא הוא איז געווען ריכטיג ווייל ער איז טאקע א שווערער זינדיגער מענטש.

**ווען** רבי אלעזר האט דאס געהערט האט ער זיך בארוהיגט, און ער האט געלייגט זיינע הענט אויף זיינע געדערים, און ער האט געזאגט "שישו בני מעי שישו" פרייד איך מיינע געדערים, פרייד אייך, ומה ספיקות שלכם כך, וודאות שלכם על אחת כמה וכמה", מה-דאך ווען איר זענט מסופק אין א זאך שטעלט זיך סוכ"ס ארויס דעם מציאות ווי ווייט איר זענט גערעכט געווען און איר האט געמאכט די ריכטיגע מסקנא, איז דאך זיכער אז ווען איר מאכט א פסק להלכה און איר זענט זיכער אז איר האט געטון ריכטיג אז דאס זיכער די ריכטיגע מסקנא וואס איר וואלט ווען אזוי געדארפט פסק'ענען.

## אף בשרי ישכון לבטח

**האט** ער אויסגעפירט "מובטח אני בכם שאין רימה ותולעה שולטת בכם", איך בין זיכער אין מיין ערליכקייט וואס דאס וועט זיך איבערצייגן נאך מיינע אריכות ימים אז קיין ווערים וועלן נישט האבן קיין שליטה איבער אייך. אזוי ווייט האט ער זיך בארוהיגט פון די מעשה.

**אבער** אזוי ווי ער איז נאכנישט געווען אינגאנצן בארוהיגט פון די מעשה, און ער איז נישט געווען איבערגעצייגט ביי זיך אינגאנצן אז ער איז טאקע גערעכט געווען מיט דעם וואס ער האט דעם כובס דן געווען למיתה, האט ער זיך אליינס געוואלט שטעלן אויף פראבע, און זעהן ווי ער האלט און וואס מ'האלט פון אים אויבן אין הימל.

**האט** ער באפוילן אז מ'זאל אים געבן צו טרונקען א שטארקן שלאף געטראנק, און מען זאל אים ארויפטראגן אין א צימער וואס איז געמאכט פון מארמארשטיין, און עס קומט נישט אריין דארט קיין שום לופט, און מ'האט אים דארט אפערירט און ארויסגענומען פון זיינע געדערים 'סלים מלאים שומן', און לויט זיין באפעל האט מען דאס אוועק געשטעלט אונטערן זון בתקופת תמוז ווילנדיג זעהן אויב דאס וועט פארשמימלט ווערן און אויב די ווערים וועלן זיך צוכאפן דערצו.

**ווען** מען האט געזעהן דעם מציאות אז טראץ די אלע זאכן האבן די ווערים נישט געהאט קיין שליטה, און זיין קערפער איז געבליבן פריש, ניטאמאל האט זיך געטוישט דער קאליר דערפון צו א נישט פרישן קאליר, האט ער געוואוסט אז ער האט נישט געזינדיגט און זיינע מעשים זענען אנגענומען אין הימל, האט ער געליינט אויף זיך דעם פסוק (תהילים ט"ז ט') "אף בשרי ישכון לבטח". אז אויך נאך זיין פטירה וועלן די ווערים נישט האבן קיין שליטה אויף אים.

## חביבין עליו יסורים

**צדיקים** אין להם מנוחה, נאך די אלע זאכן וואס איז אריבער אויף רבי אלעזר, נאך די אלע הוכחות וואס ער האט זיך שוין איבערגעוויזן אויף זיך אליין, און נאך אלע סימנים, האט ער נישט געהאט קיין מנוחה, און עס האט אים זייער וויי געטון די מעשה וואס איז געשעהן דורך אים, און ער האט מחליט געווען אז ער קען דאס נאר אראפנעמען פון זיך אויב וועט ער באשטראפט ווערן מיט יסורים, און דאס האט אים געברענגט אז ער זאל פשוט מתפלל זיין און בעטן פון הימל אז ער זאל ווערן נידון ביסורים, מ'זאל אים פייניגן אויף די וועלט אז ער זאל מיט דעם אפקומען די יסורים פון יענע וועלט. און ווי רש"י איז מסביר האט ער חושש געווען אז אין זיין ארבעט אז ער האט געדארפט כאפן גנבים, קען מען טאקע נישט וויסן וואס עס איז דער אמת, און ווער ווייסט צי עס איז נישט אמאל געכאפט געווארן דורך איהם אן אומשולדיגער

מענטש, און ער איז אומריכטיג גע'הרג'עט געווארן, האט ער אליין געברענגט אויף זיך יסורים כדאי אפצוקומען דעם חשש.

**ווי** הדער סדר הדורות זאגט איז דאס געווען א 'שחין רע' וואס איז געקומען אויף אים, און דאס האט אים זייער געפייניגט, אבער עס האט די מעלה אז ער האט דערפון נישט געהאט קיין ביטול תורה און קיין ביטול תפילה. יעדע נאכט האט מען אים אונטערגעלייגט זעכציג ליילעכער, און במשך די נאכט האט פון אים גערינען בלוט און אייטער ל"ע, יעדן אינדערפרי האט מען ארויסגענומען דערפון זעכציג קליינע אמפערס מיט בלוט און אייטער וואס זענען גערינען פון אים.

**ער** איז געווען אזוי קראנק אז זיין רביצין פלעגט אים יעדן אינדערפרי צוגרייטן זעכציג סארט מאכלים פון פייגן, וואס דאס האט אים געגעבן כח אז ער זאל קומען צו זיך. און זי האט אים נישט געלאזט גיין לערנען אין ביהמ"ד, ווי מ'פלעגט לערנען מיט א גרויסן געדרענג און שטופעניש, און דאס וואלט אים ווען זיכער פארשאפט עקסטערע גרויסע יסורים, ממילא האט ער אין יענע צייט עוסק געווען בתורה ובתפילה ביי זיך אין שטוב.

**יעדע** נאכט פלעגט ער זאגן פאר זיינע יסורים "מיינע גוטע פריינד, קומט צו גיין", און דעמאלטס האבן זיך אנגעהויבן זיינע ביטערע ליידן, און אינדערפרי ווען ער האט געוואלט גיין צו זיין עבודת ה', פלעגט ער זיי זאגן "גייט אייך", ווייל דעמאלטס האט ער זיך געזעצט לערנען ביי זיך אין שטוב, און ער האט נישט געוואלט אז די יסורים זאלן אים שטערן, און אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר לאנגע יארן (עי' רש"י ד"ה רשעה).

**אין** איינע פון די טעג האט זיין פרוי געהערט דעם לשון ווי אזוי ער לאדנט זיינע 'גוטע פריינד' די יסורים, און זי איז דאן געוואויר געווארן אז אלעס וואס ער מאכט מיט און ער פייניגט זיך דאס איז אויף זיין אייגענע בקשה, האט זי אים פארגעהאלטן "דו אליין ברענגסט דאך אויף דיר די יסורים, און דו ביסט גורם דורך דעם אז דו האסט פארלענדעט דאס געלט פון מיין טאטנס שטוב", ווייל במשך די אלע יארן האט עס אפגעקאסט אזויפיל די רפואות, און דו אלע תבשילים וואס זי האט צוגעגרייט פאר איהם, עס איז אזוי שווער אנגעקומען, און יעצט ווען זי איז געוואויר געווארן אז די יסורים זענען גאר געווען באשטעלט, האט איר דאס זייער וויי געטון, און זי איז אוועק געגאנגען פון שטוב צום בית הנשים, און רבי אלעזר איז געבליבן אליין אין שטוב אן קיינעם וואס זאל זיך מיט אים מטפל זיין און אים באדינען.

**אין** יענעם טאג האט פאסירט א מעשה, אז עס זענען געווען שיפן אויפן ים, און עס איז געווארן א שטורעם און די שיף איז געווען אין א גרויסע סכנה, און די 'ספנים' האבן מתפלל געווען צום אייבערשטן אז ער זאל זיי מציל זיין פון א סכנה אין זכות פון רבי אלעזר ברבי שמעון, און דער ים האט זיך תיכף ומיד אפגעשטעלט, האבן זיי מחליט געווען אז זיי וועלן אריבערגיין צו רבי אלעזר אין שטוב, און זיי וועלן אים ברענגען א מתנה אויף דעם וואס זיי זענען ניצול געווארן אין זיין זכות.

**זענען** דעמאלטס אריבערגעקומען צו רבי אלעזר אין שטוב זעכציג קנעכט וואס האבן געטראגן זעכציג בייטלעך מיט זילבער, און זיי האבן אים געמאכט זעכציג סארט צושפייז, און ער האט דאס געגעסן יענעם טאג.

**אין** איינע פון די טעג האט זיין ווייב געזאגט פאר די טאכטער אז זי זאל אריבערגיין אהיים און זעהן וואס דער טאטע טוט ווען ער איז אליינס אין שטוב און ער האט נישט קיינעם וואס זאל אים באדינען.

**די** טאכטער איז אנגעקומען אין שטוב, און זי האט געזעהן דעם טאטן מיט אלע וואס ער האט באקומען פון די ספנים, האט ער איר געזאגט "גיי זאג פאר די מאמע אז אונזער עשירות איז גרעסער ווי זייער עשירות"... און ער האט דעמאלטס געליינט אויף זיך דעם פסוק (משלי ל"א י"ד) "היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה".

**זאגן** חכמינו ז"ל אז רבי אלעזר האט זיך לאנגע יארן ארומגעמוטשעט מיט זיינע שווערע יסוריו, און דאס איז געווען א גרויסע טובה, און די גאנצע וועלט האט הנאה געהאט פון די השפעה מרובה און גוטע זאכן וואס זענען אראפ געקומען א דאנק זיי יסורים פון רבי אלעזר ברבי שמעון.

**דערציילן** ווייטער חכמינו ז"ל אז ווי נאר רבי אלעזר האט זיך געשטארקט און ער איז געקומען צו די כוחות, איז ער צוריק געגאנגען לערנען מיט זיינע חברים אין בית המדרש, האט מען אים דארט געברענגט זעכציג מיני שאלות אויף מראות דמים, און ער האט זיי אלע מטהר געווען. די רבנן וואס האבן געזעהן זיין שטארקע כוחא דהתרא האבן מרנן געווען נאך איהם און זיי האבן געפרעגט "קען דען זיין אזא זאך אז צווישן 60 שאלות זאל נישט זיין אפילו איינס וואס איז בגדר ספק?".

**רבי** אלעזר איז אבער געווען זיין שטארק מיט זיין מיינונג, און ער האט געזאגט "אויב בין איך גערעכט מיט מיין פסק וואונטשט איך אז די אלע שטובער וואס האבן געברענגט די שאלות זאלן געבוירן אינגלעך, און אויב בין איך נישט גערעכט זאל זיין צווישן אלע איין מיידל". וכך הוה, עס זענען געבוירן געווארן 60 אינגלעך ווערמען מ'האט אלע א נאמען געגעבן 'אלעזר' על שמו.

**ווען** רבי האט געזעהן דעם געוואלדיגן כח פון רבי אלעזר, האט ער געזאגט "וויפיל מצות פו"ר האט די מלכות הרשעה מונע געווען פון אידישע קינדער מיט דעם וואס זיי האבן אוועק גענומען רבי אלעזר פון ביהמ"ד, און ער האט נישט געקענט קומען אין ביהמ"ד צו פסק'ענען די אלע שאלות וואס די חכמים זענען געווען מסופק און זיי האבן מחמיר געווען".

## די פטירה פון רבי אלעזר

**דערציילט** דער מדרש אין קהלת רבה (י"א ב') "ווען רבי אלעזר איז שוואך געווארן, און ער האט נישט געהאט קיין כח, איז אמאל זיין ארעם געווען אויפגעדעקט, האט זיין פרוי דאס באמערקט האט זי זיך געפריידט און געוויינט, קודם האט זי געזאגט "ווי גוט איז מיין חלק בעולם הזה אז איך האב זוכה געווען צו האבן אזא הייליגן מאן", אבער זי האט נאכדעם געוויינט זעהנדיג זיין מצב, און זי האט געזאגט "אוי, אז דער הייליגער גוף וועט באערדיגט ווערן אין דער ערד".

**די** גמרא אין מס' בבא מציעא דערציילט (דף פ"ד ע"ב) ווען רבי אלעזר איז געווארן נאך שוואכער, און ער האט געשפירט אז עס דערנענטערט זיך זיין צייט צו שטארבן, האט ער צוגערופן זיין פרוי, און ער האט איר געזאגט "איך ווייס אז צווישן די רבנן זענען דא היבש וואס זיי זענען זייער ברוגז אויף מיר, און זיי האבן זייער א שווער הארץ אויף מיר ווייל איך האב עוסק געווען אין די ארבעט פון כאפן גנבים און ביי טייל פון זיי זענען דארט געווען אויך זייערע קרובים, און וועגן מיר האט מען זיי געברענגט צו זייער עונש, און ווען איך וועל נפטר ווערן וועלן זיי נישט וועלן זיך מתעסק זיין מיט מיר ווי געהערט, וועגן דעם וויל איך דיר זאגן ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט מיר נאך מיין פטירה".

**"דו** זאלסט מיך בכלל נישט ברענגען צו קבורה, נאר לייג מיך ארויף אין בוידעם און לאז מיך דארט ליגן, האב נישט מורא פון גארנישט,

ווייל איך טו דיר פארזיכערן אז מיין קערפער וועט נישט פארפוילט ווערן, און עס ווערן אויף איר נישט שולט זיין קיין ווערים". (עי' במס' ב"מ שם ובראו"ש מו"ק ג' ל"ז, אז להלכה וויבאלד עס האט אויף אים נישט געווארט קיין קבורה, איז אויסגעקומען אז ווי נאר ער איז נסתלק געווארן האט שוין חל געווען אויף די פרוי דיני אבילות, אנדערש ווי געווענליך אז די אלע הלכות הייבן זיך הערשט אן נאך די קבורה).

**"אמרו** רבותינו משום אשתו" די חכמים האבן נאכגעזאגט אין נאמען פון די פרוי פון רבי אלעזר אז נישט ווייניגער ווי אכצן יאר און נישט מער פון צוויי און צוואנציג יאר איז רבי אלעזר אזוי געלעגן אויפן בוידעם, און ער איז דארט געווען לאחר פטירתו אזוי ווי א לעבעדיגער מענטש בשעת ווען ער שלאפט, און מען האט אויף איהם גארנישט דערקענט, אזוי ווייט אז ווען זיין פרוי איז ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם האט זי באטראכט זיין האר, ווען עס איז ארויסגעפאלן א האר איז געקומען בלוט פון דעם פלאץ פונקט ווי ביי א לעבעדיגן מענטש".

**דערציילן** חז"ל ווייטער אז איין טאג ווען זיין פרוי איז ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם האט זי געזעהן אז עס קריכט ארויס א ווארעם פון זיין אויער, האט זי געהאט דערפון גרויס חלישות הדעת, ווייל זי האט דאס אנגענומען פאר א סימן אז זיין קערפער הייבט שוין אן צו ווערן נישט פריש. יענע נאכט האט זיך רבי אלעזר באוויזן צו איר אין חלום און ער האט איר בארוהיגט זאגנדיג אז זי זאל זיך נישט נעמען דערפון צו שטארק צום הארצן ווייל דאס מיינט נישט קיין סימן פון פוילן, נאר דאס איז אים געקומען אלס אן עונש ווייל עס איז געווען אמאל ווען ער האט געהערט ווי מ'האט מבזה געווען א תלמוד חכם און ער האט נישט געהעריג מוחה געווען דעריבער איז דאס געווען זיין עונש".

**אויך** פלעגט אין יענע צייט אויך פארקומען דיני תורות ביי רבי אלעזר אין שטוב אזוי ווי עס איז געווען בחיים חיותו, די צוויי בעלי דינים האבן זיך געשטעלט ביי זיין טיר, און יעדער האט געזאגט וואס ער האט צו זאגן און פארלייגן זיינע טענות, און נאכדעם האבן זיי זיך צוגעהערט צום קול וואס איז ארויסגעקומען פון בוידעם וואס האט קלאר געזאגט "איש פלוני אתה חייב, איש פלוני אתה פטור".

## יבא הבן אצל אביו

**עס** איז געווען אין איינע פון די טעג איז געווען א סכסוך צווישן די פרוי פון רבי אלעזר מיט איר שכנ'טע, און צווישן די קריגערייי האט

יענע שכנה געלאזט פאלן שארפע ווערטער, און זי האט געשאלטן די פרוי "דו זאלסט זיין ווי דיין מאן, אז דו זאלסט נישט קומען צו קבורה".

**ווען** די חכמים האבן דאס געהערט זענען זיי געווארן אויפמערקזאם אז דאס איז ארויס אויף די גאס און עס איז זייער נישט קיין כבוד פאר רבי אלעזר, אז די פרויען קענען אזוי רעדן צווישן זיך טאר דאס נישט ווייטער אזוי זיין, און זיי האבן מחליט נגעווען אז עס איז די העכסטע צייט זיך צו גיין מתעסק זיין און אפגעבן דעם לעצטן כבוד פאר דעם גרויסן נפטר, דער הייליגער תנא רבי אלעזר ברבי שמעון".

**עס** איז דא א גירסא וואס זאגט אז די סיבה וואס האט מעורר געווען די חכעמים אז זיי זאלן זיך מתעסק זיין מיט רבי אלעזר איז געווען דאס וואס זיין טאטע רבי שמעון בן יוחאי האט זיך באוויזן צו די חכמים אין חלום, און ער האט זיי געזאגט "איך האב צווישן אייך איין פרידה, און איר ווילט אים נישט ברענגדען צו מיר?". הערנדיג די בקשה פונעם תנא האלקי האט דאס זיי מעורר געווען צו עוסק זיין אינעם כבוד האחרון פון רבי אלעזר.

**די** רבנן האבן זיך אויפגעשטעלט און זיי זענען געגאנגען עוסק זיין בכבודו, ווען זיי זענען אנגעקומען קיין עכבריא, דאס איז געווען א שטארק נאנט צו די שטאט וואו רבי אלעזר האט געוואוינט, און די שטאטס לייט זענען געוואויר געווארן וואס עס איז דער ציהל פארוואס די חכמים זענען געקומען האבן זיי זיך ארויסגעשטעלט מיט א פראטעסט דערקעגן, ווייל זיי האבן דאס געזעהן בחוש אז במשך די אלע צענדליגער יארן וואס רבי אלעזר ברבי שמעון איזב געשלאפן אויפן בוידעם איז נישט אריינגעקומען קיין חי' רעה אין זייער שטאט, און זיי האבן נישט געוואלט בשום אופן פארלירן דעם כח וואס האט אויף זיי מגין געווען ביז היינט.

**עס** איז דא א צווייטע גירסא אין מדרש קהלת רבה (יא ב') אז נאך די אלע יארן האט מען אים געלייגט אין גוש חלב, און רבי שמעון בן יוחאי איז געקומען אין חלום צו די אנשי מירון, וואס איז נאנט צו גוש חלב און ער האט פון זיי געבעטן אז מ'זאל אריבערברענגען רבי אלעזר אז ער זאל ליגן נעבן איהם אין זיין מערה, אבער די מענטשן פון גוש חלב האבן נישט געוואלט הערן פון אזא געדאנק זענען זיי נאכגעלאפן די אנשי מירון און זיי פארטריבן פון דארט מיט שטעקענעס ווייל זיי

האבן געשפירט אז זיין זכות האט אויף זיי מגין געווען די אלע יארן און זיי האבן דאס נישט געוואלט פארלירן.

**איז** דאס געווען ערב יום כיפור ווען די אנשי מירון זענען געגאנגען אריבערברענגען דעם ארון, און ווילאנג זיי זענען נאך געשטאנען און מטכס עצה געווען מיט פלענער ווי אזוי זיי זאלן דאס טהון, האט זיך באוויזן צווי פייערדיגע שלענג וואס זענען געגאנגען פאר זיי. דאס איז געווען דער סימן פאר די אנשי מירון וואס האבן געהאט דערפון חיזוק און זיי האבן געזעהן אז דאס איז א סימן מן השמים צו גיין ווייטער.

**ווען** די אנשי מירון זענען אנגעקומען צו די מערה וואו רבי אלעזר איז געווען באהאלטן, האבן זיך די שלענג געשטעלט בייביידע זייטן, און זיי האבן זיי געשמועסט צווישן זיך "ווער וועט אריינגיין און אים ארויסברענגען?", האט זיך זיין פרוי אנגערופן "איך וועל אריינגיין און אים ברענגען, ווייל איך האב א סימן צו דערקענען וועלכע ארון איז זיינס". איז זי אריינגעגאנגען אינעם מערה און זי האט געזעהן ווי א ווארעם איז ווידער דא אונטער זיין אויער, האט זי דאס געוואלט אראפנעמען, האט זי באלד געהערט א בת קול וואס רופט אויס און זאגט "לאזט דעם בעל חוב איינקאסירן זיין חוב".

**דעמאלטס** האט זי אים ארויסגעברענגט, און מען האט אים אריבערגעפירט קיין מירון, וואו מען האט אים ארויפגעטראגן צו די מערה פון זיין טאטן רבי שמעון בן יוחאי.

**אנקומענדיג** צו די מערה פון רבי שמעון האט מען געזעהן ווי עס איז דא א שלאנג וואס נעמט ארום די מערה, דער שלאנג האט געהאלטן זיין עק אין מויל און עס איז נישט מעגליך געווען אז מען זאל אים קענען אריבערגיין, האבן אים די חכמים געזאגט "נחש נחש פתח פיך ויכנס בן אצל אביו". האט דעמאלטס דער שלאנג געעפענט זיין מויל און באפרייט זיין עק און אריינגעלאזט די וואס האבן געברענגט דעם ארון פון רבי אלעזר אז זיי זאלן קענען אריינגיין אינוויניג אין די מערה.

**דעמאלטס** איז דער הייליגער תנא רבי אלעזר געקומען לקבורה אין די הייליגע מערה פון זיין טאטן רבי שמעון, ועד היום הזה איז באקאנט ביי גאנץ כלל ישראל וואס גייט ארויף קיין מירון צו רבי שמעון, אז עס איז דא דערנעבן די מערה פון רבי אלעזר ברבי שמעון, דער הייליגער תנא וואס איז נתקדש געווארן בקדושה יתירה במשך די אלע

יארן וואס ער איז מיטן טאטן אינאיינעם געווען אין די מערה, און עס האט זיך איבערגעצייגט זיין קדושה סיי בחייו און זיי נאך זיין פטירה ווען מען האט געזעהן בחוש וואו די ווערים זענען נישט שולט אויף אים, איז ער 22 יאר שפעטער געקומען למנוחתו נעבן זיין הייליגן טאטן אין די מערה אין מירון...

**אין** מדרש ווערט געברענגט אז נאך די פטירה פון רבי אלעזר ברבי שמעון האט דער דור געליינט אויף אים דעם פסוק (שה"ש ג' סופ"ה) "מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן מקטורת מור ולבונה מכל אבקת רוכל". ווייל רבי אלעזר ברבי שמעון איז געווען א מושלם בכל ער איז געווען א "קראוי, תנויי, קריבויי, ופייטוי", וואס דאס מיינט אז ער האט געהאט אלע השלמות פון צווישן די חכמים, ער איז געווען א בעל מקרא, א בעל משנה, א בעל לשון וואס האט מייסד געווען א קרובץ, און ער איז געווען א פייטן.

**עס** זענען דא פריערדיגע מקורות (אין תוס' מס' חגיגה, ועי' ברא"ש מס' ברכות סו"פ אין עומדים) וואס זענען מייחס רבי אלעזר הקליר אז דאס איז געווען רבי אלעזר ברבי שמעון. אין אנדערע מקורות איז דאס געווען דער תנא רבי אלעזר בן ערך, אדער גאר אין א שפעטערע תקופה.

**די** גמרא אין מס' בבא מציעא (שם) דערציילט אויך אז נאך די פטירה פון רבי אלעזר האט רבי געשיקט א שליח צו די פרוי פון רבי אלעזר אנצוטראגן דעם שידוך מיט איהם. די פרוי פון רבי אלעזר וועלכע האט געקענט זיין גרויסקייט און זי האט פון אים זייער שטארק געהאלטן, האט זי אפגעווארפן דעם אנבאט, זאגנדיג "כלי שנשתמש בו קודש ישתמש בו חול", ווי רש"י ברענגט אז אין ארץ ישראל האט מען דערויף געזאגט א משל אז אויף דעם זעלבן פלאץ וואו דער בעל הבית הענגט אויף זיין כלי זיין, הענגט דער פאסטוך נישט אויף זיין קריגל.

**האט** רבי צוריק געשיקט דעם שליח זאגנדיג "כאטש ער איז גרעסער פון מיר בתורה, אבער מיט מעשים טובים איז ער אויך גרעסער פון מיר?". האט זי צוריק געשיקט איר תשובה "אויב ער איז גרעסער פון דיר בתורה ווייס איך נישט, ווייל איך האב דאס קיינמאל נישט געמאסטן, אבער דאס אז ער איז גרעסער מיט מעשים טובים ווייס איך יא, ווייל ער האט אויף זיך מקבל געווען יסורים פון גאנץ כלל ישראל, ממילא איז נישט קיין שאלה אז ער איז דער גרעסטער וואס איז נאר דא אין דעם ענין פון גדול במעשים".

**האט** ז׳ אים געשיקט זאגן ״ווען רבי אלעזר איז געזעסן און געלערנט תורה האט ער זיך געמוטשעט מיט אלע כוחות, ביז ווען ער האט געענדיגט לערנען האט ער געזאגט ״אלע יסורים פון אידישע קינדער זאלן קומען אויף מיר, און דעמאלטס זענען זיי אנגעקומען, און ווען עס איז געקומען די צייט צו גיין לערנען און ער האט געשפירט אז די יסורים מוטשענען אים, האט ער זיי אוועק געשיקט און זיי זענען געגאנגען. האט רבי געזאגט ״איך האב אויך געטון די זעלבע, איך האב זיי גערופן די יסורים אז זיי זאלן קומען, אונן זיי זענען טאקע געקומען, אבער ווען איך האב זיי אוועק געשיקט זענען זיי נישט אוועק געגאנגען״.

**רבי** האט ווייטער געשיקט שליחים זאלן אנטראגן דעם שידוך פאר די פרוי פון רבי אלעזר, אבער ז׳ האט דאס ווייטער אפגעזאגט זאגנדיג ״איך האב געהערט אז מעלין בקודש ולא מורידין״ (עי׳ מדרש קהלת רבה שם). און ז׳ האט נישט געוואלט מסכים זיין דערצו.

**נאך** מיט אסאך יארן פריער האט שוין רבן שמעון בן גמליאל מעיד געווען מיט זיין גרויס עניוות פאר זיין זון רבי, איבער דאס גרויסקייט פון רבי אלעזר ברבי שמעון ווען ער האט אים געזאגט ״עס זאל דיר נישט באנג טוהן דאס וואס רבי אלעזר איז אזוי גרויס אין תורה, ווייל רבי אלעזר האט א מעלה מער ווי דיר, ווייל ער איז א לייב א זון פון א לייב, און דו ביסט א לייב א זון פון א פוקס״.

## מה בין רבי לרבי אלעזר בר שמעון

**חכמינו** ז״ל דערציילן אז רבי איז אויך געווען אויף די מדריגה, און ער האט אויך געהאט מקבל געווען אויף זיך יסורים, אבער דאך זענען די יסורים פון רבי אלעזר געווען חשוב׳ער ווי די יסורים פון רבי, ווייל די יסורים פון רבי אלעזר זענען געקומען מאהבה און זיי זענען אוועק געגאנגען מאהבה, דאס מיינט אז ער האט אליין געבעטן די יסורים זאלן קומען אויף אים, און ער האט זיי אוועק געשיקט ווען זיי האבן אים געשטערט פון לערנען, און נאכדעם האט ער זיי צוריק גערופן, אבער די יסורים פון רבי זענען געקומען צוליב א מעשה, און זיי זענען אוועק געגאנגען צוליב א מעשה, ממילא האט דאס נישט געהאט דעם חשיבות וואס די יסורים פון רבי אלעזר האט געהאט.

(**מיר** זענען מעתיק איבער דעם וואס מיר האבן שוין געשריבן אין א פריערדיג קאפיטל איבער די יסורים פון רבי: די מעשה ווערט

דערציילט אין מס' בבא מציעא (דף פ"ה ע"א) איז געווען אז איין טאג איז רבי געזעסן און ער האט זיך געמוטשעט אויף תורה פארן בית הכנסת פון די בבליים אין די שטאט ציפורי, אינצווישן איז דארט אריבערגעפירט געווארן א קעלבל וואס מ'האט געפירט צו די שחיטה, דאס קעלבל האט זיך געשראקן, זעהט אויס אז זי האט געשפירט אז מ'פירט איר יעצט אויף איר לעצטן וועג, איז זי ארויסגעלאפן פון וועג און זי האט זיך אויסבאהאלטן אונטער די קלייד פון רבי, און זי האט זיך ווי געבעטן צו איהם בתחנונים 'ראטעווע מיך', האט רבי געזאגט פאר דאס קעלבל "וואס קען איך דיר העלפן, גיי, דו ביסט באשאפן געווארן פאר דעם צוועק אז מ'זאל דיך שחט'ן און מ'זאל עסן פון דיין פלייש".

(**לויט** ווי דער מהרש"א איז מסביר איז דא געווען א אבק פון מידת אכזריות, ווייל דער עגל איז 'מובחר שבמינים' און רוב קעלבלעך שחט מען נישט צום עסן, נאר זיי ווערן באשטימט פאר שחיטה, און ווי חז"ל זאגן 'סוף בהמה לשחיטה', דאס מיינט אז נאר ווען זיי האלטן שוין זיכער ביים סוף, אבער ווילאנג זיי זענען יונג און געזונט לאזט מען זיי לעבן, און מען נוצט זיי צום ארבעטן).

**ווען** מען האט געהערט אין הימל דעם אופן ווי אזוי רבי האט זיך באצויגן צו דאס קעלבל, האט מען דן געווען רבי אויף דעם אופן ווי אזוי השי"ת איז מדקדק מיט זיינע צדיקים כחוט השערה, און עס איז ארויסגעקומען דער פסק דין 'הואיל ואינו מרחם יבואו עליו יסורים". דאס איז געווען די סיבה פארוואס די יסורים זענען געקומען אויף רבי, און מיט די שווערע און ביטערע יסורים האט ער זיך געמוטשעט גאנצע דרייצן יאר.

**דער** וועג ווי אזוי זיי זענען אוועק געגאנגען נאך די 13 יאר איז אויך געווען לויט א מעשה שהיה: עס איז געווען אין איינע פון די טעג ווען די דינסט פון רבי האט אויסגעקערט דאס הויז, און עס זענען געווען דארט עטליכע מייז (וואס דאס איז די נידריגסטע מין פון אלע מינים, וואס איז באשאפן געווארן פון יסוד התחתון, עי' מהרש"א שם) האט איר רבי געזאגט "לאז אפ די מייזעלעך, ווייל עס שטייט אין פסוק (תהילים קמ"ה ט') "ורחמיו על כל מעשיו", ווען מען האט דארט געהערט אין הימל האט מען אויסגערופן "הואיל והוא מרחם נרחם עליו", וויבאלד ער האט רחמנות אויף בעלי חיים קומט אים אז מ'זאל זיך מרחם זיין אויך אויף אים, און דעמאלטס זענען די יסורים אוועק געגאנגען פון אים.

**דערציילן** חכמינו ז"ל אז במשך די אלע יארן וואס רבי שמעון בן אלעזר האט געליטן די שווערע יסורים, איז קיינער נישט געשטארבן פאר די צייט. און במשך די אלע יארן וואס רבי האט געהאט יסורים, האט די וועלט נישט געדארפט צוקומען צו קיין רעגן, און במשך יענע אלע יארן האט נישט שולט געווען קיין מידת הדין אויף די וועלט, ווייל רבי האט געליטן יסורים איז דאס בייגעשטאנען פאר די וועלט. די וואסערן פון תהום זענען ארויפגעקומען און זיי האבן אנגעטרינקען די גאנצע וועלט, אלע פעלדער און גערטנער, און די וועלט האט נישט געדארפט האבן מער קיין רעגן.

**זאגט** די גמרא "אמר אמימר, ווען נישט דאס וואס די וועלט האט געדארפט צוקומען צו רעגן וואלטן ווען די חכמים וואס זיי האבן געזעהן די ווייטאגן און די יסורים פון רבי, מתפלל געווען דערויף און זיי וואלטן מבטל געווען די יסורים פון רבי, ווייל במשך יענע אלע יארן ווען מ'האט אויסגעריסן א רעטעך פון די ערוגה וואו זיי זענען געוואקסן איז באלד דאס גריבל אנגעפולט געווארן מיט וואסער, און רבי פלעגט זאגן 'חביבין יסורים', אז די יסורים זענען ביי אים געווען באליבט).

## רבי יוסף ברבי אלעזר

**דערציילן** חז"ל אין מס' ב"מ (דף פ"ה ע"א) אז ווען רבי אלעזר ברבי שמעון איז נסתלק געווארן האט ער איבערגעלאזט א קליין קינד, וואס ער איז ליידער אוועק געפאלן אין זייער א נידריגן שמוציגן מצב ל"ע.

**רבי** האט איגנארירט די לשון הרע וואס מ'האט אויף אים געזאגט, און ער האט באפוילן אז מ'זאל אים ברענגען פאר אים, און ער האט אים געגעבן סמיכה אז מ'זאל אים רופן 'רבי'. ווי רש"י זאגט איז דאס געווען דער ציהל אז ער זאל האבן א קנאת סופרים און ער זאל האבן חשק צו ווערן וואקסן און שטייגן אין לימוד התורה.

**רבי** האט זיך געזארגט אויך אז ער זאל האבן א רבי וואס זאל לערנען מיט אים, און ער זאל אים באגלייטן אז ער זאל שטייגן, דאס איז געווען רבי שמעון בן איסי בן לקוניא, א ברודער מיט זיין מאמע אז ער זאל זיך מיט אים אפגעבן, און ער זאל מיט אים לערנען.

**דאס** קינד האט זיך יעדן טאג עקסטער געבעטן אז ער וויל אהיים גיין צו זיין שטאט, האט אים דער פעטער דער רבי געזאגט "וואס

הייסט, מען האט דיך געמאכט פאר א חכם, און מ'האט דיך אנגעטון א גאלדענעם קרוין, מ'רופט זיך שוין בא'טיטול'ט אלס 'רבי' און דו זאגסט נאך אז דו ווילסט גיין צו דיין שטאט?!" ביז דאס קינד האט געזאגט "איך מאך א שבועה אז איך בלייב דא ביי דיר און איך וועל מער נישט בעטן אז איך וויל צוריק אהיימגיין".

**ווען** ער איז עלטער געווארן, און ער האט שוין געקענט פיין לערנען, איז ער געקומען לערנען אין די מתיבתא פון רבי, ער האט נישט אויסגעזאגט פון אנהויב ווער ער איז, אבער רבי האט געהערט זיין קול, האט ער געזאגט "איך הער די שטימע, און דאס איז זייער ענליך צום קול פון רבי אלעזר ברבי שמעון", האט מען געזאגט פאר רבי, יא, דאס איז זיין זון, און זיין נאמען איז רבי יוסי".

**האט** רבי געלייגט אויף אים דעם פסוק (משלי י"א ל') "פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם", פרי צדיק עץ חיים זה רבי יוסי ברבי אלעזר ברבי שמעון בר יוחאי, וואס ער האט זיך מדבק געווען אינעם עץ חיים, דאס איז די תורה, ולוקח נפשות חכם, דאס איז רבי שמעון בר איסי בן לקוניא וואס ער האט מיט אים געלערנט תורה, און ער האט אים אויפגעצויגן ווי אן אייגן קינד".

**ווען** רבי יוסי איז נסתלק געווארן האט מען אים געטראגן צו באערדיגן צו די מערה פון זיין טאטנס קבר, און עס איז דארט געווען א שלאנג וואס האט ארומגענומען די מערה, האט ער אויסגערופן צום שלאנג "שלאנג שלאנג, עפן דיין מויל און לאז אריינגיין דאס קינד צו זיין טאטן", אבער דער שלאנג האט נישט געפאלגט, האט דער פארזאמלטער ציבור פארשטאנען אז די סיבה איז ווייל רבי יוסי איז נישט גענוג גרויס און נישט גענוג חשוב אז ער זאל מעגן קומען לקבורה נעבן זיין טאטן.

**איז** ארויסגעקומען א בת קול וואס האט געזאגט "ניין, די סיבה איז נישט ווייל דער טאטע איז גרעסער פונעם זון, נאר ווייל רבי אלעזר איז געווען בצער מערה, ער איז געווען באהאלטן מיטן טאטן רשב"י דרייצן יאר אין די מערה, און דער זון האט נישט געהאט דעם צער, ממילא קען ער נישט זיין מיטן טאטן אינאיינעם בקבורה".

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו אדונינו בר יוחאי**